STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06861

YIDN IN LEBN UN SHAFN FUN VL. G. KOROLENKO

Noah Gris

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נח גריס

יידן אין לעבן און שאַפן פון וול. ג. קאָראָלענקאָ

Tous droits réservés pour tous pays

PRINTED IN FRANCE

Impressions Populaires, 65, rue du Fg-St-Denis, 75010 Paris

נ ח   ג ר י ס

ייִדן
אין לעבן און שאפן
פון
וול. ג. קאראלענקא

פ אַ ר י ז   1975

ליזען

מיין גוטן גייסט,

מיין פרייד, מיין טרייסט.

אַריינפיר

אין דעצעמבער 1971 איז געוואָרן פופציק יאָר זינט עס איז געשטאָרבן דער רוסישער שרייבער וולאַדימיר גאַלאַקטיאָנאָוויטש קאָראָלענקאָ.

פאַרן היינטיקן נישט־רוסישן לייענער זאָגט דער נאָמען גאָנץ ווייניק. דאָ און דאָרט אַן איבערזעצונג פון עטלעכע דערציילונגען קאָן נישט געבן קיין בילד פון אַ פערזענלעכקייט, וואָס האָט געשפילט אַן ערשטראַנגיקע ראָלע אין געזעלשאַפטלעכן און ליטעראַרישן לעבן פון רוסלאַנד אין משך פון איבער פערציק יאָר.

און דאָך! אַ לאַטייניש שפּריכוואָרט זאָגט אַז לויט די נעגל דערקענט מען אַ לייב. אויך קאָראָלענקאָס טאַלאַנט לאָזט זיך אַ מאָל דערקענען פון אַ דערציילונג. קיין ראָמאַנען האָט ער נישט געשריבן. ער אַליין האָט זיך פון דעם אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון אין אַ בריוו צו ס. ד. פּראָטאָפּאָפּאָוו:

„איך זע אַז כ'וואָלט געקאָנט אויפטון פיל מער, ווען איך זאָל זיך נישט איבערוואַרפן פון ריינער בעלעטריסטיק צו פובליציסטיק און צו פּראַקטישע מאָסמיטלען ווי צ. ב. דער מולטאַנער ענין 1) אָדער

---

1) באַשולדיקונג קעגן אַ רעליגיעזער סעקטע אודמורטן אין דאָרף סטאַרי מולטאַן אין דער געגנט פון וויאַטקאַ „אַז זי ברענגט מענטשלעכע קרבנות און צוליב דעם האָבן 15 פּויערים פון דערמאָנטן דאָרף דערמאָרדעט אַ בעטלער מאַטיוניך. פאַרמשפּט אין יאָר 1894. קאָראָלענקאָ פאָרשט דעם ענין, שרייבט וועגן רעזולטאַט פון זיינע פאָרשונגען, פאַרטיידיקט די באַשולדיקטע און דערפירט צו זייער באַפרייאונג.

הילף פאַר הונגעריקע 2)... אָבער איך באַדויער נישט. אַנדערש האָב איך נישט געקאָנט". (ווערק, ב. 5).

דער באַרימטער יידישער אַדוואָקאַט אָסקאַר גרוזענבערג, דער פאַרטיידיקער פון מענדל בייליס, שרייבט וועגן קאָראָלענקאָס „נאָטיץ־ביכער":

„איך פרעג זיך אַליין: וועלכעס ווערק פון קאָראָלענקאָ איז דאָס בעסטע? דאָס בעסטע: זיין לעבן... מען קאָן גאָרנישט אָפּטיילן דעם שרייבער פון געזעלשאַפטלעכן עסקן, פון מענטשן. עס איז געווען אַ פולשטענדיקער צוזאַמענגאָס, עס איז געווען איין גאַנצער, אומצעטיילבאַרער קאָראָלענקאָ". (אָטשערקי).

אויף אַן אַנדער אָרט שרייבט גרוזענבערג, אַז פון די 22 בענד, וואָס די פרוי און טאָכטער פון קאָראָלענקאָ גרייטן אַרויסצוגעבן, פאַרנעמט פובליציסטיק פונקט די העלפט דאָס הייסט 11 בענד, בעת די אַזוי גערופענע ליטעראַטור אויך 11. דאָס איז אַ בולטער סימן אַז אַ העלפט פון זיין שרייבערישן טאַלאַנט האָט קאָראָלענקאָ אָפּגעגעבן פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. זיין האַרץ רייסט אים אָפּ פון „ריינער" שאַפונג און שטויסט אים צו מעשים. (ווטשעראַ).

אַן ענלעכע כאַראַקטעריסטיק פון קאָראָלענקאָ געפינען מיר ביי ד. נ. אָוסיאַניקאָ־קוליקאָווסקי:

„מוסטערהאַפטע נאַטורן, דערהייבנדיק זיך איבערן דורכשניטלעכן ניוואָ, פערסאָניפיצירן מיט זיך די בעסערע זייטן פון אַ נאָרמאַלן מענטשן, ווייכן נישט אָפּ פון דער נאָרמע, נייערט דערהייבן און פאַרפולקאָמען די דאָזיקע נאָרמע. אַ דאַנק זיי צום מיינסטן באַוועגט זיך די מענטשהייט צו אַ בעסערן מאָרגן". (קוליקאָווסקי, ז. 63).

אַ כאַראַקטעריסטיק, וואָס עס גיט אַ קעגנער איז צו מאָל מער אינטערעסאַנט און אמתדיקער, ווי אַ מיינונג פון אַ פאַרערער. מיר ציי־

---

2) אין יאָר 1892 פירט קאָראָלענקאָ אַן אַקציע צו העלפן די פויערים וואָס הונגערן אין דער געגנט פון ניזשני נאָווגאָראָד, ווו ער האָט זיך באַזעצט נאָך דער פאַרשיקונג אין יאַקוטיע (אַמגאַ) אין יאָר 1885.

טירן דעריבער די ראַפּאָרטן, וואָס דער זשאַנדאַרמען־גענעראַל פּאָזנאַנסקי האָט איבערגעשיקט וועגן קאָראָלענקאָ קיין פּעטערבורג:

„אין ניזשני האָט קאָראָלענקאָ באַוויזן זיך אַריינצובאַקומען אין די הייזער פון פיל איינפלוסרייכע מענטשן, וועלכע האָבן באַטראַכט פאַר אַ כבוד צו זיין באַקאַנט מיט אַזאַ מאָדערנער באַרימטקייט... ווי אַ פּועל יוצא פון דעם האָט וולאַדימיר קאָראָלענקאָ געהאָלפן זיך באַקוועם איינצואָרדענען אין ניזשני נישט בלויז די געוועזענע אַרמיניסטראַטיוו־פאַרשיקטע, נאָר ער האָט אויך פּערזענלעך גענומען משפּיע זיין אויף געזעלשאַפטלעכע ענינים. אַרום אים גרופּירן זיך כמעט אַלע פאַרדעכטיקטע, וואָס געפינען זיך אונטער דער אויפזיכט פון דער ניזשעגאָראָדער גובערניע און אַלץ וואָס ער זאָגט איז פאַר זיי הייליק. אַחוץ דעם אַלעמען איז וולאַדימיר קאָראָלענקאָ און זיין פרוי אַ מכניס אורחים פאַר פּאָליטיש פאַרדעכטיקטע, וואָס פאָרן פאַרביי די שטאָט...״

קאָראָלענקאָ בעט אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל אין ניזשני. דער גענעראַל דאַרף געבן זיין מיינונג און אָט וואָס ער שרייבט:

„כהאָב שוין נישט איין מאָל געהאַט דעם כבוד צו מעלדן אַז וולאַדימיר קאָראָלענקאָ איז דער צענטער אַרום וועלכן עס זאַמלען זיך כמעט אַלע אָן אויסנאַם פאַרדעכטיקטע פאַרשוינען, וואָס וווינען אין ניזשני. ס׳איז אויך נישטאָ קיין ספק אַז ביי אים אין שטוב באַקומט די ערשטע לעקציעס פון ניהיליזם און סאָציאַליזם די יוגנט, וואָס ווערט באַזייטיקט פון די הויכשולן. דאָס באַטייליקן זיך פון קאָראָלענקאָ אין אַ טעגלעכער צייטונג וועט אים געבן די מעגלעכקייט אויסצוברייטערן זיין אגיטאַטאָרישע און גלייכצייטיק געהיימע טעטיקייט״ (גריגאָריעוו, ז. 65).

אָט די עטלעכע מיינונגען גענוגן שוין כדי צו געבן אַ בילד וועגן קאָראָלענקאָ דעם מענטשן. מיר ווילן אָבער אָנווייזן אויף אַ מער קאָנקרעטן אופן, אין וואָס עס האָט זיך אויסגעדריקט די געזעלשאַפטלעכע ראָלע פון קאָראָלענקאָ. צוליב דעם איז נייטיק צו כאַראַקטעריזירן די אומשטענדן אין וועלכע ער האָט געלעבט און דער עיקר די באַדינגונגען, אין וועלכע ער איז אויפגעוואַקסן.

**
*

די משפחה פון קאָראָלענקאָ שטאַמט פון זאַפּאָראָזשע אין אוקראַינע. דער זיידע און דער פֿאָטער האָבן זייער גאַנץ לעבן געדינט אין די מערבדיקע געביטן פון רוסלאַנד, ווו וולאַדימיר קאָראָלענקאָ איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1853.

אין ראָוונע, ווו זיין פֿאָטער איז געווען ריכטער, ענדיקט ער די מיטלשול און פֿאָרט אַריבער קיין פּעטערבורג אין טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט. דאָ הייבט זיך אָן די „נאָרמאַלע" ביאָגראַפֿיע פון דער רוסישער אינטעליגענץ: רעוואָלוציאָנערע סימפּאַטיעס, פֿאַרשיקונג, סיביר, פּאָליציייִשע אויפֿזיכט אד"גל.

צוריקקומענדיק פון יאַקוטיע באַזעצט זיך קאָראָלענקאָ אין ניזשני נאָווגאָראָד, דערנאָך פֿאָרט ער אַריבער קיין פּאָלטאַווע, ווו ער פֿאַרבלייבט שוין ביז די לעצטע טעג פון לעבן.

עטלעכע מאָל געפֿינט ער זיך אין אויסלאַנד: אַמעריקע, ענגלאַנד, פֿראַנקרייך. ער פֿאָרט אָפֿט קיין פּעטערבורג, ווו ער רעדאַקטירט דעם ערשטן אין רוסלאַנד א"ג דיקן זשורנאַל „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ" (רוסישע עשירות). ער פֿאַרעפֿנטלעכט אַרטיקלען אויך אין אַנדערע זשורנאַלן. זייער ציל איז צו דעמאַסקירן צביעות און אויפֿדעקן עוולות, וואָס ווערן אָפּגעטון דורך דער מאַכט און פון וועלכע עס ליידן די שוואַכע, עס ליידט דאָס פֿאָלק. עס וועט אונדז נאָך אויסקומען צו דערמאָנען קאָנקרעטע פֿאַלן, ווו קאָראָלענקאָ האָט אַ דאַנק זיינע מוטיקע אויפֿטריטן אין וואָרט און שריפֿט אָפּגעראַטעוועט מענטשן פון טויטאורטיילן.

צווישן די געדרודפּטע און אונטערדריקטע אין רוסלאַנד האָבן זיך געפֿונען קודם כל די יידן. זייער לאַגע איז געווען יורידיש דיסקרימינירט, זיי האָבן נישט געהאַט קיין רעכט צו וווינען אין באַשטימטע ערטער, צו פֿאַרנעמען געוויסע אַמטן אאַ"וו. דעריבער איז קיין וווּנדער נישט, וואָס אין קאַמף פֿאַר יושר האָט דער עמפּינדלעכער קאָראָלענקאָ זיך באַלד אָנגעשטויסן אָן דער רעכטלאָזיקייט פון יידן.

דעם יונגן פּראָנצויזישן פֿאָרשער פון קאָראָלענקאָס שאַפֿונג, מאָריס קאָמטע, איז אויפֿגעפֿאַלן די גרויסע צאָל בילדער און פּערסאָנאַזשן פון יידן אין זיינע ווערק, מער ווי ביי אַלע אַנדערע רוסישע שרייבערס.

אויך אין זיין זשורנאַליסטישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט שטויסט מען זיך אָן אויף זייער פיל יידישע טיפּן און פּראָבלעמען. ער גיט אָבער באַלד צו:

„בעת מיר האָבן אַריינגעקוקט אין דער רייכער קריטיק־ליטע־ראַטור וועגן קאָראָלענקאָ איז אונדז אויפגעפאַלן, אַז די דאָזיקע זייט פון זיין לעבן און שאַפן, און דאָס אַ זייער וויכטיקע, איז נאָך נישט געוואָרן באַהאַנדלט אין איר גאַנצקייט. באַלד נאָך זיין טויט האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר אַרטיקעלעך און אָפּקלאַנגען, אָבער זייט דעם אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן פאַרנעמען זיך די פאָרשער בכלל נישט מיט דער טעמע. זייט דעמאָלט באַפרידיקן זיך די עסייען, איינער נאָכן צווייטן, מיט אַ דערמאָנען אויף אַן אויבערפלעכלעכן און קאָנוועַנציאָנעלן שטייגער עטלעכע גרויסע מאָמענטן פון קאָראָלענקאָס קאַמף קעגן אַנטיסעמי־טיזם, ווי די ביילים־אַפערע, נישט אָפּטיילנדיק זי פון אַלגעמיינעם קאַמף קעגן אומרעכט און נישט באַמיענדיק זיך צו אונטערשטרייכן די אייגנאַרטיקייט פון דער יידן־פראַגע פאַר זיך און איר באַזונדערן באַ־טייט פאַרן שרייבער". (קאָמטע, 228)

קאָמטע האָט אָנגערופן זיין אַרבעט: „קאָראָלענקאָ און די יידן־פראַגע אין רוסלאַנד". ער באַטראַכט דעם ענין אַלזייטיק און מיט קאָמ־פּעטענץ. מיר זיינען אים דאַנקבאַר פאַר האָבן אַרויסגעהויבן די גע־שטאַלט פון קאָראָלענקאָ און מיר וועלן זיך באַמיען דאָ צו זען די פּער־זאָן אין יידישן אַספּעקט.

קאַראָלענקאָס קאָנטאַקטן מיט יידן

פון די יינגסטע יאָרן זיינע און ביז צו די לעצטע טעג פון לעבן איז קאָראָלענקאָ געווען אויף פאַרשיידענע אופנים פאַרבונדן מיט יידן.

אין אַ בריוו צו א. מ. לעוויטאַן שרייבט ער:

„איך בין געבוירן און מיין יוגנט פאַרבראַכט אין מערב־לאַנד. די יידן קען איך גוט און מיט אַ טייל פון זיי האָבן מיך פאַראייניקט יוגנטלעכע פריינדשאַפט־באַציאונגען. מיט אַנדערע האָט מיך צונויפגע־בונדן דער גורל אין שווערע מאָמענטן פון לעבן און ביז איצט האַלט איך טייער די אין יענער צייט געשלאָסענע פעסטע חבראַפט. אמת, דאָס באַציט זיך צו אינטעליגענטע מענטשן, אָבער דאָס גענוגט שוין מיך צו מאַכן פאַר אַ קעגנער פון יעדער אַנטי־יידישער דיסקרימינאַציע.

די יידישע מאַסע באַשטייט פון אַרבעטנדיקע קלאַסן און מען קאָן פון דעסט וועגן אין אַזוי גערופענעם „נאַציאָנאַלן כאַראַקטער" פון די יידן באַמערקן שטריכן (געדיכטערע אַפילו), וואָס אונטערשיידן דעם לעבנס־שטייגער פון הייטנצייטיקן לעבן. דאָס מאָדערנע לעבן באַזירט זיך אויף קאָנקורענץ און עקספּלואַטאַציע. די דערמאָנטע שטריכן זיינען נישט ספּעציפיש יידישע, אָבער זייער אינטענסיווקייט לאָזט זיך אויפ־קלערן דורך אויסנעמקייט און רעכטלאָזיקייט פון די יידן.

מען דאַרף קעמפן מיט די עצם דערשיינונגען נישט מיט זייער נאַציאָנאַלער צי אַנדערער באַפאַרבונג. איך קאָן נישט פאַרגעסן, ווי אויף מיינע אויגן האָבן „אויפקויפערס" (סקופּשטשיקי) פון פּאָוולאָווא, דער סאַמע רויבערישער און גרויזאַמער טיפּ פון צווישן „סוחרישן מין", זיך באַמיט מען זאָל פאַרטרייבן די יידן פון פּאָוולאָווא. די בעלי־מלאכהס

האָבן פון דעם נישט געהאַלטן און ס׳איז קיין ספק נישט, אַז דאָס פאַרטרייבן די יידן האָט נישט אָפּגעשוואַכט, נייעטר נאָך פאַרשטאַרקט די עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער. דער חילוק איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די עקספּלואַטאַציע איז שוין געווען אַ „ריין רוסישע״ (ווערק, בריוו פון 14־טן יוני 1900).

אין די דערציילונגען און דער עיקר אין אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן „די געשיכטע פון מיין מיטצייטלער״ טרעפן מיר אָן אַ שיעור ביישפּילן פון קאָנטאַקטן מיט יידן. מיר לייענען ביי אים וועגן אַ שניידער שימקאָ (שמעון), וואָס

„איז געווען פון נידעריקן וווקס אָבער אַ קערנדיקער ייד, מיט אַ ברייט פּנים, אויף וועלכן די דיגע ליפּן און די שאַרפע נאָז האָבן געמאַכט אַן איינדרוק פון אומעטיקן קאָמיזם.

כל זמן דער פאָטער האָט געלעבט פלעגן מיר שטענדיק לאַכן פון שימקאָן, זיך וויצלען אויף זיין חשבון... ווען דער פאָטער איז געשטאָרבן און די מוטער איז געבליבן אָן מיטלען, איז ער געקומען צו איר, קריטיש באַטראַכט אונדזערע בגדים און געזאָגט מיט ערנסטקייט.

— נו, צייט שוין אויפצונייען אַ מאַנטל און צוויי מונדירן.

— דו ווייסט, שימקאָ, אַז איך האָב איצט קיין געלט נישט און וואָס עס וועט נאָך זיין ווייס איך נישט — האָט די מוטער געענטפערט מיט טרויער.

— נו — איז שימקאָ נישט מסכים — איר האָט נישט קיין געלט, אָבער איר האָט קינדער... איז דאָס נישט קיין געלט?

און ער האָט ווייטער אונדז באַנייט, נישט דערמאָנענדיק וועגן צאָלן און נישט דינגענדיק זיך קיין מאָל נישט, ווי דאָס פלעגט פריער פאָרקומען״. (ווערק, 6 ב. ז. 10)

אין זיין דערציילונג „קינדערשע ליבע״ דערמאָנט ער דאָס שוואַרצאויגיקע יידישע מיידעלע, איטע, באַשעס אייניקל.

באַשע איז געווען אַן עלטערע פרוי, וואָס האָט געהאַנדלט מיט שפּיצן און לייוונט. עס האָט אָבער אויסגעזען עלעהיי זי קומט נישט בכדי צו פֿאַרדינען, נאָר ווי זי וואָלט אַ טובה געטון אירע גוטע פֿריינד. זי האָט געהאַט אַן אַריסטאָקראַטישן אויסזען. איר אייניקל איטע, אַ מזרח־טיפּ, איז שטענדיק געווען שיין געקליידט. די באָבע פֿלעגט זי אָפֿט מיטנעמען צו אירע קליענטן. פֿאַרן אייניקל האָט זי געגרייט אַ הערלעכע צוקונפֿט. ווען מ׳האָט געפֿרעגט באַשען פֿאַר וואָס זי וויל גאָר פֿרי חתונה מאַכן איטען איז איר ענטפֿער געווען: „ביי אונדז פֿירט זיך אַזוי. מען דאַרף וויסן מיט וועמען. אַזאַ חתן ווי זי האָט וואָלגערט זיך נישט אין די גאַסן. זיין זיידע, אַ חסיד, אַז ער קומט אין אַ שטאָט, איז אַזאַ אָנגעלויף לעבן הויז, וווּ ער שטעלט זיך אָפּ ביז נישט קאָנען זיך דורכשטופּן. מען קומט צו אים ער זאָל בענטשן. דער חתן אַליין, ערשט פּופּצן יאָר אַלט און שוין אַן עלוי״.

קאַראָלענקאָ לעבט איבער די ערשטע אַנטוישונג אין ליבע, אָבער גלייכצייטיק פֿאַרשטייט ער די גרויסע עוולה וואָס געשעט איטען, ווייל מען פֿאַרקנסט זי צו אַ מענטש, וועמען זי קען אַפֿילו נישט.

אין אַן אַנדערער, נישט פֿאַרענדיקטער דערציילונג „די ברידער מענדעל״ ווערט באַשריבן די חתונה, דאָס אָנקומען פֿון רבין און בכלל דער יידישער שטייגער אין וועלכן קאַראָלענקאָ איז געווען שטאַרק באַהאַוונט. דער עיקר־מאָטיוו פֿון דער דערציילונג באַשטייט אין דער פֿריינדשאַפֿט צווישן צוויי משפּחות: די רוסישע משפּחה פֿון ריכטער, דעם מחברס פֿאָטער און דער משפּחה פֿון אַ מלמד מיטן נאָמען מענדעל, וועמענס צוויי זיך האָבן זיך געחברט מיט די קינדער פֿון ריכטער. די געשעענישן קומען פֿאָר אין ראָוונע, אַ שטאָט צו וועלכער קאַראָלענקאָ איז געווען צוגעבונדן און וועלכע האָט אויפֿגעהיט דעם אָנדענק פֿון אים, וויסנדיק נאָכצודערציילן עפּיזאָדן פֿון זיין ראָוונער לעבן. מיר איז נאָך אויסגעקומען צו באַגעגענען פּערזענלעכע פֿריינד פֿונעם שרייבער, בעת איך בין אין יאָר 1929 געקומען קיין ראָוונע. ראָוונער יידישע טיפּן קאָן מען געפֿינען אין פֿאַרשידענע דערציילונגען ווי ליטעראַרישע פֿיגורן.

די זיבעציקער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט האָבן געהערט, לויט

קאָראָלענקאָס אויפפאַסונג, צו אַ פּרעאַנטיסעמיטישער עפּאָכע. עס איז געווען נאָרמאַל אַז אַ ייד איז אַ ייד און האָט זיך זיינע מנהגים, ווי דער רוס האָט זיינע. די יידן אין די דאָזיקע קאַנטן זיינען געווען אַ טייל פון אָרטיקן פּייזאַזש, אַזוי טיף זיינען זיי דאָרט געווען איינגעוואָרצלט.

אויסער ווערק, אין וועלכע די הויפּט־טעמע איז נוגע יידן, זיינען יידן, יידישע אויסדרוקן, פאַרגלייכן אאַ״וו צעזייט אין אָן אַ צאָל שריפטן זיינע. ווערטער ווי „אוי ווי מיר", „אַ חכם ווי שלמה", „ירמיהו"... געפינען מיר אין דער דערציילונג „אין אַ שלעכטער געזעלשאַפט", אָפּ־גערעדט שוין פון ווערטער ווי: בעל־עגלה, געשעפט, פאות, ציצית, טריפה, יאַרמלקע, משרת... ווען קאָראָלענקאָ דערציילט וועגן זיין „ער־שטע באַקאַנטשאַפט מיט דיקענסן" פאַרגעסט ער נישט צו דערמאָנען די באַגעגנטע אויפן וועג יידישע יינגלעך, אַ לעבעדיק, זשוואַווע און שפּאַטיש פאָלק. זיין ברודער דערזעט אים, ווי ער שטייט אין מיטן גאַס און לייענט אַ בוך און זאָגט אים: „איצט ביסטו שוין אין גאַנצן משוגע".

פאַר קאָראָלענקאָן איז אויך גאַנץ נאַטירלעך דאָס באַשטימען ווי אַ געשווירענעם ריכטער דעם ייד ראַבינאָוויטש. „אין יענער צייט האָט מען נאָך נישט געהערט רעדן וועגן דער „יידן־פּראַגע", ס׳איז אָבער אויך נישט געווען דער היינטיקער אַנטיסעמיטיזם: דאָס געזעץ האָט באַטראַכט פאַר גערעכט אַז ביים דערליידיקן יידישע ענינים זאָל אַנוועזנד זיין אַ פאָרשטייער פון די יידן". און איין וועגס דריקט ער זיך אויס מיט גרויס סימפּאַטיע וועגן ראַבינאָוויטשן. (ווערק, ב. 5, ז. 156).

אין דעם זעלבן באַנד דערציילט קאָראָלענקאָ וועגן זיין חבר שמחה, וואָס האָט זייער גוט געשפּילט פידל. אַ געוויסן זונטיק האָט ער אים פאַרבעטן צו זיך און אים פאָרגעלייענט אַ פּאָעמע פון גרעסטן אוקראַאינישן דיכטער טאַראַס שעווטשענקאָ אד״ט „הײדאַמאַקי". קאָראָלענקאָ איז גע־ווען באַגייסטערט און געהאָפט, אַז אויך זיין פריינד וועט זיין אַנטציקט פון דער שיינקייט פון דער פּאָעמע. מיט אַ מאָל האָט ער באַמערקט אַז דער קאָנטאַקט מיט שמחהן האָט זיך איבערגעריסן. דאָס איז געשען ווען ער האָט געלייענט די סצענע, ווי די הײדאַמאַקעס צאַפּן יידיש בלוט.

אמת, דאָס איז געווען „געשיכטע״, אָבער „פון דער פּאָעטישער געשיכטע האָט מיין פריינד געהאַט אַ וויטיק״ — ענדיקט קאָראָלענקאָ און דאָ האָט ער צום ערשטן מאָל זיך פאַרטראַכט איבער נאַציאָנאַלער עמפּינדלעכקייט. די איבערלעבונג זיינע איז געווען אַ שטאַרקע, אויב ער דערמאָנט זי נאָך מיט דרייסיק יאָר שפּעטער.

זי האָט אויך משפּיע געווען אויף זיין שאַפונג. „ער האָט צום גליק איבערגעריסן מיט דער באַדויערלעכער טראַדיציע (פון יידישע נעגאַ־טיווע טיפּן נ. ג.) און אַריינגעפירט אַ נייע טעמע אין דער רוסישער ליטעראַטור״. (קאָמטע ז. 254) קאַמטע רעכנט אויס אַ ריי רוסישע שריי־בערס ווי פּושקין, גאָגאָל, טורגעניעוו, דאָסטאָיעווסקי.

אויך אין זיינע זכרונות און קאָרעספּאָנדענץ געפינען מיר יידן אָדער אָקציעס לטובת יידן.

שוין זיין ערשטער אויפטריט אין דער פּרעסע און בכלל זיין שריי־בערישע טעטיקייט איז פאַרבונדן מיט אַ ייד, נאַטאַוויטש, דעם רעדאַק־טאָר פון פּעטערבורגער זשורנאַל „נאָוואָסטי״. בעת זיינע סטודענטישע יאָרן האָט קאָראָלענקאָ פאַרדינט אויף זיין לעבן אַרבעטנדיק ווי אַ קאָ־רעקטאָר.

דעם 7־טן יוני 1878 דערשיינט אין דער פּרעסע אַ נאָטיץ וועגן „געשלעג אין אַפּראַקסינס הויף״. עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַ סכסוך צווישן רוסישע בעלי־מלאכהס און טאַטערישע הויזוועכטער, וואָס זיי־נען געווען פאַר איינס מיט דער צאַרישער פּאָליציי. די פּרעסע־אינ־פאָרמאַציע האָט זיך געשטיצט אויף פּאָליצייאישע אינפאָרמאַציעס און פאַרגעשטעלט דעם ענין ווי אַ קריגעריי אויפן נאַציאָנאַלן באָדן.

קאָראָלענקאָ איז צופעליק געווען אַן עדות פון געשלעג. ווען נאַ־טאַוויטש האָט אים געבעטן ער זאָל אָנשרייבן אַן אַרטיקל וועגן ענין, האָט קאָראָלענקאָ איינגעשטימט, מיטן באַדינג, אַז ווי איין וואָרט זאָל נישט געענדערט ווערן. מיט ציין־קריצעניש האָט דער רעדאַקטאָר גע־מוזט מסכים זיין. און דעמאָלט האָט קאָראָלענקאָ באַשריבן די געשעעניש נישט ווי אַ פּראָסטע געשלעג, נאָר ווי אַ בונט פון די האַנטווערקער און זייערע געהילפן קעגן די שטענדיקע רדיפות מצד דער פּאָליציי און זייערע שטילע אַגענטן, די הויזוועכטערס. ער האָט פאַרטיידיקט די

שטאַטישע אָרעמקייט און דעמאַסקירט די אומלעגאַלע האַנדלונגען פון דער פּאָליציי.

אָט די ערשטע נאָטיץ לאָזט שוין מערקן זיינע מעלות: ערלעכקייט, געניקייט, פּשטות און איבערצייגונגס־קראַפט אין איבערגעבן די פאַקטן, אין דער פאַרטיידיקונג פון געדרודפטע און אין קאַמף מיט נאַציאָנאַלע פאָראורטיילן.

אַזוי דערציילט ער מיט סימפּאַטיע וועגן אַ געוויסן אַבראַמאָוויטש פון וואַרשע, מיט וועמען ער האָט זיך געטראָפן אין תפיסה פון ווישניע־וואָלאָצק. אַבראַמאָוויטש האָט אין זיין באַגאַזש מיטגעבראַכט דעם „קאַפּיטאַל" פון קאַרל מאַרקס. ער האָט אים געוואָלט האָבן מיט זיך אין דער קאַמער. אַלע האָבן געטראַכט אַז דאָס איז נישט מעגלעך. אַבראַמאָוויטש איז נאָך דער רעוויזיע צוריקגעקומען מיטן „קאַפּיטאַל". אויף דער פראַגע פון לאַפּטיעוון, דעם תפיסה־אויפזעער: „סאָראַ בוך איז דאָס?" האָט ער געענטפערט: „פּשוט, דאָס בוך לערנט ווי אַזוי צו מאַכן קאַפּיטאַל".

פּנחס יאַנקעלעוויטש געלליס, מאַרק אַנדרייעוויטש נאַטאַנסאָן, אָסיפּ וואַסיליעוויטש אַפּטעקמאַן, אהרן איסאַקאָוויטש זונדעלעוויטש און קודם כל אַרקאַדי גריגאָריעוויטש גאָרנפעלד — דאָס איז בלויז אַ קליינער טייל פון יידן, מיט וועלכע ער האָט זיך געטראָפן, וועגן וועלכע ער שרייבט און אויך צו וועלכע ער שרייבט.

מיר וועלן נישט אויסרעכענען כראָנאָלאָגיש אַלע פאַרבינדונגען מיט יידן און אַלע יידישע ענינים, צו וועלכע קאָראָלענקאָ האָט געהאַט וועלכע נישט איז שייכות. דאָס וואָלט אונדז צו ווייט פאַרפירט. כדי אָבער צו געבן אַן אָנונג וועגן דער פילזייטיקייט פון זיינע יידישע אינטערעסן וועלן מיר דערמאָנען פאַרשיידענע געשעענישן אָדער שריפטן אין דאָזיקן אַספּעקט.

קאָראָלענקאָ האָט זיך אינטערעסירט מיטן יידישן שרייבער נחום קאַגאַן, וואָס האָט געשריבן אונטערן פּסעאודאָנים נ. נאַאומאָוו (1863־1893). ער דאַנקט דעם רעדאַקטאָר פון „וויעסטניק יעוראָפּי" סטאַסולעוויטשן פאַר אָפּדרוקן נאַאומאָווס דערציילונג „וו גלוכאָם מיעסטעטש־

קע״ (אין פאַרוואָרפענעם שטעטל) און פאַר באַצאָלן אים אַ גוטן האָנאָראַר, וואָס דערלויבט אים זיך צו היילן. קאָראָלענקאָ איז געווען פאַרביטערט, ווייל אַן אַנדערע רוסישע צייטונג האָט אָפּגעוואָרפן די דערציילונג נאָר צוליב דעם מחברס אָפּשטאַם.

„איך האָב געמיינט, שרייבט ער, אַז ס׳איז באַליידיקנדיק די הנחה פון אַ מעגלעכקייט אין דער רוסישער ליטעראַטור זאָל עקסיסטירן בלויז אַ העצעריי און אַ קרומען זיך אין באַצוג צו אַ גאַנץ פאָלק״.

אגב איז דאָס נישט געווען דאָס איינציקע מאָל ווו ער האָט אַרויס־געוויזן הילף קאָגאַנען און זיין משפחה.

ווי אַ רעדאַקטאָר האָט ער געאַרבעט איבער דערציילונגען פון דוד אייזמאַן, ס. ל. דאַבקין, קיפּען און אַנדערע. אין אַ בריוו צו אָוסיאַניקאָ־קוליקאָווסקי בעט ער שתדלנות פאַר דער פרוי פון דוד אייזמאַן, מיט־אַרבעטער פון „רוסקאָיע באַגאַטסטוואָ״, ווו ער דרוקט דערציילונגען פון יידישן לעבן. זיין פרוי האָט שטודירט דריי יאָר אין פּאַריז און זיך פאַרבענקט אַהיים, נאָך דעם היימלאַנד־שטיפמוטער. איצט האָט זי אַזוי פיל שוועריקייטן „און איך מיין, אַז פאַר אַזעלכע מענטשן, איבער דער מאָס באַלאָדענע מיט צרות, דאַרף מען טאָן אַלץ, וואָס קאָן פאַרלייכטערן זייער מצב״. (בריוו, 7 יאַנ. 04).

קאָראָלענקאָ האָט געלייענט שלום עליכמען, שלום אַשן. דאָס האָט ער אין יאָר 1913 רעקאָמענדירט צו דרוקן די לידער פון איליאַ ערענ־בורג.

קאָראָלענקאָ באַטייליקט זיך אין פאַרשיידענע ליטעראַרישע זאַמל־ביכער, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן אין שייכות מיט יידן. אַזוי למשל דער־שיינט אין יאָר 1900 „יעווריייסקיע סילועטי״ (יידישע געשטאַלטן), ווע־מענס הכנסה איז באַשטימט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג פון די דרומדיקע גובערניעס, וואָס האָבן געליטן פון אַן אומגערעטעניש. קאָ־ראָלענקאָ פאַרעפנטלעכט דאָ זיין דערציילונג וועגן „מנחם בן יהודה״; אין יאָר 1915 בעט אים מאַקסים גאָרקי צוצושיקן עפּעס פאַר אַ זאַמ־לונג, וואָס דאַרף דערשיינען אד״ט „יעווריעי באַ רוסי״ (יידן אין רוס־לאַנד) און וועמענס אַרויסגעבער איז „די רוסישע געזעלשאַפט צו דער־לערנען דאָס יידישע לעבן״. גאָרקי וויל, אַז דער רוסישער לייענער

זאָל זיך באַקענען מיט קאָראָלענקאָס אָבסערוואַציעס איבער דעם לעבן פון די יידן אין רוסלאַנד. „אייער אָנטייל, שרייבט גאָרקי, איז מאָראַליש נייטיק אויך פּערזענלעך פאַר מיר".

עס וואָלט אונדז צו ווייט דערפירט צו וועלן אויסרעכענען אַלע יידישע קאָנטאַקטן פון קאָראָלענקאָ און אַלע יידישע פּראָבלעמען, מיט וועלכע ער האָט זיך אינטערעסירט. מיר ווילן נאָר דערמאָנען אַ פּאָר געשעענישן, פון וועלכע אַ טייל האָבן געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין דער גאַנצער וועלט און האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין דער יידישער גע־שיכטע און אין וועלכע קאָראָלענקאָ האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין מוט און ווערדיקער האַלטונג אין קאַמף קעגן אומרעכט, וואָס ווערט באַגאַנגען לגבי דעם יידישן פאָלק.

דער קישינעווער פּאָגראָם

דעם 9־טן פעברואַר 1903 האָט מען געפונען אין דובאָסאַרי, אַ הונדערט קילאָמעטער פון קישינעוו, דעם גוף פון רוסישן יינגל מישאַ ריבאַלטשענקאָ, וואָס איז געווען צעשטאָכן מיט אַ מעסער. די שוואַרץ־מאהדיקע צייטונג „בעסאַראַבעץ" און איר רעדאַקטאָר פּאַוואָלאַקי קרושע־וואַן הייבן אָן אַן אַנטיסעמיטישע קאַמפּאַניע מיט חשדים, אַז דאָס האָבן די יידן דערמאָרדעט אַ קריסטלעך קינד, כדי צו באַנוצן זיין בלוט פאַר מצות אויף פּסח, וואָס דערנענטערט זיך איצט.

די פּעטערבורגער צייטונג „סוועט", אויך „נאָוואָיע ווערעמיאַ", כאַפּט אונטער די העצע און צעהיצן נאָך מער די געמיטער. אַזוי אַרום וואַקסט די שפּאַנונג אין דער געגנט און דעם 6־טן אַפּריל הייבט זיך אָן דער פון פאַרויס צוגעגרייטער פּאָגראָם אין קישינעוו.

„דער צאַרישער רעזשים, אָרגאַניזירנדיק, ווי מיר וועלן זען, די פּאָגראָמען אין אַ גאַנצער ריי שטעט, האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפ־גאַבע פונאַנדערצובלאָזן אַ שינאה צווישן פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס וווינען אין רוסלאַנד און האָט מאָביליזירט אַלע פינצטערע כוחות: פאַרברעכערס, פּראָוואָקאַטאָרן, געוועזענע מערדערס, איבערגעטוענע פּאַ־ליציאַנטן, אַ טייל הענדלער, כלי־קודש און אַנדערע עלעמענטן... דער צאַריזם האָט געלעכצט נאָך בלוט". (דאַנסקאָי, ז. 42־43)

אַן עד־ראיה שרייבט אַ בריוו דעם 8־טן אַפּריל. מיר לייענען דאָרט, אַז שוין דעם דריטן טאָג איז די שטאָט אַפּגעשלאָסן און די רויבערייען גייען אַלץ אָן. אין שטאָט איז נישטאָ קיין ברויט, נישט קיין פלייש. מען ווייסט שוין אויף זיכער, אַז די צאָל טויטע באַטרעפט פופציק, פאַראוונ־

דעטע שווער — 350 און לייכט — ביז 1.000. דאָס איז נישט קיין פּאָגראָם נאָר אַ שחיטה פון יידן. אַלץ קומט פאַר אונטער די אויגן פון מיליטער און פּאָליציי. ווי אַ באַווייז קאָן דינען דער פאַקט, אַז דער אָרטיקער גובערנאַטאָר גענעראַל פאָן ראַאַבען איז די ערשטע טעג פון דער שחיטה נישט אַרויס פון שטוב. פּריוואַטע טעלעגראַמעס קיין פּעטערבורג האָט ער נישט דערלויבט אַנצוגעמען. מיט זייער פּאַסיווקייט, האָט דאָס מיליטער און די פּאָליציי צוגעגעבן קוראַזש די באַנדעס פון מערדער. נאָך מער. די זעלנער האָבן פאַרשפּאַרט די גאַסן און געשטערט די יידן פון אַנדערע שטאָטטיילן קומען צו הילף זייערע ברידער אין קוואַרטאַל פון פּאָגראָם. דער טעלעפאָן צום גובערנאַטאָר האָט ביז דעם 8־טן נישט פונקציאָנירט, כדי מען זאָל זיך אַפילו נישט קאָנען ווענדן צו אים נאָך הילף.

די שטאָט שטעלט מיט זיך פאָר אַ חורבן, די גאַסן זיינען באַדעקט מיט ברוכוואַרג פון מעבל און כלים, מיט פעדערן פון בעטגעוואַנד. אַ טייל מתים זיינען אַזוי צעמזיקט, אַז מען קאָן זיי נישט דערקענען. אַ ל ע די וואָס האָבן גענומען אַן אַקטיוון חלק אין פּאָגראָם האָבן געטראָגן רויטע העמדלעך, כדי זיי זאָלן זיך דערקענען.

דער זעלבער קאָרעספּאָנדענט שרייבט מיט צוויי טעג שפּעטער, דעם 10־טן אַפּריל, אַז ביז 25.000 מענטשן זיינען געבליבן אָן אַ ביסן ברויט, אין הוילן דרויסן. שוין איבער הונדערט יידן זיינען געקומען צו קבורה.

אַ טייל אָנפירערס זיינען געגאַנגען אין שפּיץ פון המון און אָנגעוויזן אויף די הייזער פון יידן, וואו מען דאַרף ראַבעווען. פאַר אָפּטאָן דאָס שטיקל אַרבעט האָבן די פּאָגראָמשטשיקעס באַקומען באַצאָלט און אַ טייל פון זיי האָט שפּעטער געזאָגט מיט פאַרביטערונג: „פריער האָבן די פּאָנעס אונדז געהייסן ראַבעווען די יידן, זיי האָבן אונדז אַפילו געלט געגעבן, און איצט וואַרפן זיי אַרויף אַלץ אויף אונדז".

דער בריוו רעכנט נאָך אויס נעמען פון סוחרים, וועמענס געשעפטן זיינען געוואָרן געפּלינדערט, די גאַסן וואו מען האָט געשענדעט מיידלעך און פרויען, אַרויסגעוואָרפן קינדער דורך די פענצטער, אויסגעריסן

צונגען, אַריינגעשלאָגן טשוועקעס אין די אויגן, אין די קעפּ, אָפּגעשניטן נעזער, געשלעכטלעכע גלידער אאַ״וו. (בונד)

אין העברעאישן בוך „על אדמת בסרביה״ג׳, לייענען מיר אויך וועגן פּאָגראָם. צום באַדויערן איז די שטאָט קישינעוו באַרימט געוואָרן אין דער מאַרטירער־געשיכטע פון יידישן פאָלק מיט איר פּאָגראָם און ער לאָזט זיך נישט אויסמיידן. ער פאַרשטעלט מיט זיינע אויסמעסטן אַלע אַנדערע דערגרייכונגען פון דער בעסאַראַבישער הויפּטשטאָט. דער מחבר ח. ווייסאַדלער שטעלט די פראַגע פאַר וואָס מען האָט פאַרן פּאָגראָם אויסגעקליבן גראָד קישינעוו. אָט זיינען עטלעכע סיבות:

1. נאָך אַדעס איז קישינעוו געווען די צווייטע שטאָט, ווו ס׳איז אויפגעשטעלט געוואָרן די שוואַרץ־מאהדיקע אָרגאַניזאַציע: „דער פּאַר־באַנד פון רוסישן פאָלק״.

2. בעסאַראַביע מיט אירע 90 פּראָצענט פויערים־אַנאַלפאַבעטן, איז געווען ווי באַרופן צו זיין די וואַנדיי פון דער רוסישער רעוואָלוציע, אַזוי פינצטער איז געווען די דאָרטיקע מאַסע.

3. דער מאָרד איבער אַ יינגל ריבאַלטשענקאָ אין דובאָסאַרי האָט געגעבן שטאָף צו אַ העץ־פּראָפּאַגאַנדע.

די אויספאָרשונג האָט באַוויזן ווער ס׳איז דער מערדער: דאָס איז געווען אַ קריסטלעך יינגל. אָבער בעת די אַנטיסעמיטישע פּרעסע, בפרט דער „בעסאַראַבעץ״ פון קרושעוואַן, האָט פונאַנדערגעשמירט די מעשה מיטן ריטועלן מאָרד, איז די ידיעה וועגן יידישער אומשולד גע־געבן געוואָרן מיט קליינער שריפט, וואָס קיינער האָט נישט באַמערקט. דאָס פייער פון שינאָה איז שוין געווען צעבלאָזן.

מען קען די נעמען פון די פירערס פון „פאַרבאַנד פון רוסישן פאָלק״: די דירעקטאָרין פון דער שטאָטישער ביבליאָטעק כאַרזאָווסקאַיאַ, דער נאָטאַר פּיסאַרזשעווסקי, דער ריכטער דאַווידאָוויטש, דער רעדאַק־טאָר קרושעוואַן, אַ בוי־אונטערנעמער פּראָניך, דער סענאַטאָר סימוג־ראַדאָוו, דער ערד־באַזיצער שטשערבאַן, סתם אַ גביר מאַקאַי, נאָך אַן ערד־באַזיצער באַלינסקי, אַ סטודענט פּאָפּאָוו, אַ דאָקטער סינאַדאַ א״א.

די אָרטיקע באַפעלקערונג איז נישט געווען גענייגט צו פּאָגראָמירן,

ס'איז פאַר איר געווען אַ נייס. מען האָט אַראָפּגעבראַכט פּאָליציי און זשאַנדאַרן פון אוקראַינע און צענטראַל־רוסלאַנד אין ציווילע קליידער, כדי זיי זאָלן העלפן דאָס פאָלק און דינען ווי אַן „אַוואַנגאַרד". הדשים פאַר די געשעענישן האָט מען זיי געקאָנט זען אין גרויסן שענק „מאָסקווא" אויף אַלעקסאַנדראָווסקאַיאַ גאַס. דער דאָזיקער שענק איז געווען אַ מין אַרבעט־בערזע, ווו מען פלעגט אָנדינגען אויף אַרבעט און פון דאַנען איז אַרויס דער קלאַנג אַז יידן מאָרדן קריסטלעכע קינדער. דער טרעפפונקט פון די אַגיטאַטאָרן איז געווען אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק.

די ערשטע „שוואַלבן" פון אַ גרויסן פּאָגראָם זיינען געווען די איבערפאַלן אויף דער בונדישער אַרבעט־בערזע, אויף צעירי־ציון, גלאַט אויף יידן, געוויינלעך מוצאי־שבת, ווען מען איז אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן אויף אַלעקסאַנדראָווסקאַיאַ גאַס.

אָנגעהויבן האָט זיך דער פּאָגראָם ערב פּסח, זונטיק איז שוין געווען דער המשך: מען האָט אַרויסגעוואָרפן יידן פון דער קאָנקע (אַ טראַמוויי געשלעפּט דורך פערד. נ. ג.), געראַבעוועט, געטרונקען בראָנפן אויפן אָרט פון רויב, צעשלעפּט זאַכן אאַ"וו. צו „משה ביקס גאַסן", ווו עס האָבן געוווינט אַרבעטער, בעל־מלאכהס, קצבים, זיינען די פּאָגראָמשטשיקעס נישט געגאַנגען. אַהין האָט זיך אפילו די פּאָליציי נישט געוויזן. דער ציל איז געווען די אַזיאַטסקאַיאַ גאַס. (ווייסאַדלער).

דער צענטראַל קאָמיטעט פון בונד פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף „צו אַלע יידישע אַרבעטער און אַרבעטערינס", אין וועלכן דער צאַרישער רעזשים ווערט באַשולדיקט אין אויסשפּילן נאַציאָנאַלע מאָמענטן, כדי אויפצורייצן פּאָליאַקן קעגן רוסן, רוסן קעגן פּאָליאַקן און זיי אַלע קעגן יידן. „די מאַסע פּאָליציי און קאָזאַקן, וועלכע וואַרפן זיך ווי הייזעריקן אויף די אַרבעטער ביי יעדער דעמאָנסטראַציע... האָבן נישט געקענט איינשטילן עטלעכע הונדערט צערייצטע פּאָגראָמשטשיקעס", כאָטש אין קישינעוו געפינען זיך דריי הונדערט פּאָליציאַנטן, דריי פּאָלקן מיליטער, דריי בריגאַדעס און אַ רעזערווע־באַטאַליאָן. דער אויפרוף פּאָלעמיזירט מיט די ציוניסטן פאַר זייער כלומרשטער פּאַסיווקייט און רופט צו ענטפערן מיט כוח. נישט אויסבאַהאַלטן זיך דאַרף מען, נאָר

מיט אַ שטאַרקער האַנט אויפטרעטן קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס, ווייל דאָס איז דער איינציקער פאַרשטענדלעכער פאַר זיי אַרגומענט.

אין ענלעכן גייסט איז געשריבן די בראָשור „די קישינעווער הריגה", וואָס דער בונד אין אויסלאַנד האָט אַרויסגעגעבן. דאָרט ווערט דערמאָנט, אַז אין די אַכציקער יאָרן האָבן די פּאָגראָמען „אַריינגעוואָרפן אין די אָרעמס פון ציוניזם נישט נאָר מאַסאָווע רעוואָלוציאָנערן, נאָר אַפילו דעם בעסטן טייל פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ. דער רעזשים פון צאַר האָט בדעה נישט אַזוי צו דערשטיקן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן יידן, ווי צווישן די רוסן, אָפּציענדיק זי אויף אַנדערע וועגן". (הריגה)

די ידיעה וועגן פּאָגראָם האָט אַרויסגערופן אויך אַנדערע רעאַקציעס: ביי יידן און רוסן.

דובנאָוו האָט זיך דעמאָלט געפונען אין אָדעס. דעם 7־טן אַפּריל איז אין קלוב „ביעסיעדאַ" פאָרגעקומען אַ רעפעראַט פון אָדעסער וווּנדערקינד וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי, וואָס האָט געשריבן רוסישע פעליעטאָנען אונטערן פסעוודאָנים אַלטאַלענאַ. ער האָט געהאַט דערפאָלג.

בעת דעם איבעררייס האָבן אָנגעהויבן צו קומען פּליטים פון קישינעוו. ס'איז דאָרט געווען אַ שחיטה צוגעגרייט פאַר די אויגן פון דער מאַכט, וואָס האָט געדויערט דריי טעג.

די תקופה פון די אַפּריל־פּאָגראָמען האָט אַלעמען אויפגעטרייסלט. „דאָס רוסישע פאָלק האָט אַ סך אָפּגעלערנט פון דער 22 יאָר דויערנדיקער שול פון יודאָפאָביע: עס האָט אָנגעהויבן פון פּאָגראָמען און איז איצט דערגאַנגען צו אַ שחיטה".

דובנאָוו פרעגט זיך נאָך אויף פּרטים „ווייל די צענזור פון מיניסטער פּלעווע, וועמען מען האָט געהאַלטן פאַר שולדיק, האָט נישט דורכגעלאָזט גאָרנישט, אויסער פאַלשע ידיעות „וועגן אַ געשלעג צווישן יידן און קריסטן". דובנאָוו האַלט אַז מען דאַרף שאַפן אַ קאָנספּיראַטיווע אינפאָרמאַציע־ביוראָ, וואָס זאָל זאַמלען מאַטעריאַלן אויפן אָרט און פונאַנדערשיקן צו גרעסערע קהילות אין מערב־אייראָפּע פאַר פּראָפּאַגאַנדע און פאַר דער פּרעסע.

אין דער זעלבער צייט שווימט אויך אויף אַ געדאַנק וועגן אַ זעלבסטשוץ, כדי אָפּצוּווענדן די חרפּה פון שטאַרבן אָן אַ ווידערשטאַנד. עס שאַפט זיך אַ נאַציאָנאַלער קאָמיטעט, אין שפּיץ פון וועלכן עס שטייט דער שפּעטערדיקער גרינדער פון תּל־אָבֿיבֿ און זיין ערשטער בירגער־מייסטער מאיר דיזענגאָף. אַ גרופּע שרייבערס, צו וועלכע עס געהערט דובנאָוו, אחד־העם, ראַווניצקי, בן־עמי און ביאַליק האָט באַשלאָסן באַלד פונאַנדערצושיקן אַ צירקולאַר וועגן זעלבסטשוץ. צוליב קאָנספּיראַציע ווערט ער געשריבן אויף העברעאיש. זיין מחבר איז געווען אחד העם.

דער צירקולאַר איז געווען אַן אויסגעצייכנטער. עס איז געגעבן געוואָרן אַ פּסיכאָלאָגישע אויפקלערונג וועגן די געשעענישן. יאָרן לאַנג האָבן די רוסישע מאַסן געזען די באַציִאונג מצד דער מאַכט צו די יידן און געקומען צו אַן אויספיר, אַז די יידן זיינען נישט בלויז רעכטלאָז נאָר אויך הילפלאָז. קישינעוו האָט דאָס באַשטעטיקט. איז די פליכט פון די יידן צו געבן צו פאַרשטיין, אַז אויב די רעגירונג פאַרטיידיקט אונדז נישט — קאָנען מיר זיך אַליין פאַרטיידיקן.

דער אויפרוף ענדיקט זיך מיט אַ דערמונטערונג און אַן אַפּעל צו מעשים. ער דריקט אויס אַ מיינונג, אַז די מאַכט־אָרגאַנען וועלן נישט שטערן זיך צו שיצן.

עס ווערט אויך פאָרגעשלאָגן אַ צוזאַמענפאָר פון דעלעגאַטן פון אַלע קהילות, כדי צו באַטראַכטן דעם ענין און אויך צו פאַרטראַכטן זיך וועגן עמיגראַציע.

דער אויפרוף איז פאַרמערט געוואָרן אויף אַ העקטאָגראַף און פונאַנדערגעשיקט אויף אַדרעסן פון רבנים און באַקאַנטע טוערס. אונטערגעשריבן איז געווען: אַ גרופּע יידישע שרייבערס. דער קאָמיטעט האָט דעלעגירט ביאַליקן קיין קישינעוו כדי ער זאָל דאָרט צונויפזאַמלען מאַטעריאַלן און גבֿית־עדות. (דובנאָוו).

ביאַליק האָט פון קישינעוו מיטגעבראַכט פיר הונדערט זייטן פאַרשריבענע וועגן געשעענעם, פאַרעפנטלעכט אָבער האָט ער די פּאָעמע „אין דער שחיטה־שטאָט“, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די הערצער פון פאָלק און איז מער ווי אויפרופן און רעזאָלוציעס אַריינגעדרונגען אין

באַוווסטזיין פון מענטשן און געשאַפן אַ קערפּונקט אין באַציאונג צו יידן־מערדער. דאָס נאַציאָנאַלע געפיל איז געשטאַרקט געוואָרן און זיך פאַרוואַנדלט אין רעאַלן פאַקטאָר אין יידישן לעבן.

ווי מיר זעען האָבן די וועגן פון בונד און פון די נאַציאָנאַלע ביר־גערלעכע קרייזן זיך באַגעגנט: ביידע האָבן באַשלאָסן צו שאַפן אַ זעלבס־טשוץ, וואָס האָט נאָך געזאָלט שפּילן אַ ראָלע אין די ווייטערדיקע גע־שעענישן.

אויך די אָפּשאַצונג פון די געשעענישן דורך די צוויי פאַקטאָרן אין יידישן לעבן זיינען געווען ענלעכע. צעשיידט האָט זיי בלויז די פּערספּעקטיוון אויף ווייטער, ווייל די גרונט־קאָנצעפּציעס זיינען געווען פאַרשיידענע. דאָס גייט אָבער אַרויס פון די ראַמען פון דער דאָזיקער אַרבעט.

מיר קערן זיך אום צום רוסישן שרייבער וולאַדימיר קאָראָלענקאָ.

ווען דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן איז קאָראָלענקאָ געלעגן קראַנק, דערשלאָגן צוליבן טויט פון זיין מוטער. ער האָט אָבער נישט געקאָנט איינזיצן אויפן אָרט און דעם 9־טן יוני פאָרט ער קיין קישי־נעוו, כדי אויפן אָרט אָנצוקוקן און זיך צוהערן צו דעם, וואָס די יידן האָבן איבערגעלעבט.

ער שרייבט:

„איך מיין אַז דער בעסאַראַבער אַנטיסעמיטיזם איז אַזוי אַלט ווי אַלע אַנדערע. ער האָט צייטווייליק געדרעמלט ביז ס'איז געקומען אַ שנעלע און גרויזאַמע דערוואַכונג. צוליב וואָס? צוליב פיל סיבות. אָבער צווישן די אַלע פאַרפּלאָנטערטע פעדעם איז פאַראַן איינער, וואָס דער־שיינט ביי יעדן יידישן פּאָגראָם, נאָר אין קישינעווער איז ער געווען אַזוי בולט, אַז מען טאָר אים נישט פאַרשווייגן, דאָס איז דאָס בלוטיקע, פינצטערע, חיהשע געשפּענסט פון בלוט־בילבול, וואָס מאַרשירט אין שפּיץ פון פּאָגראָם און וואַרפט אויף אים זיין שוואַרצן שאָטן..."

קאָראָלענקאָ דערציילט וועגן דער אויפרייץ־קאַמפּאַניע פון דער פּרעסע אין שייכות מיטן מאָרד פון יינגל אין דובאָסאַרי. (קניגאַ אָב אָטצע).

קאַראַלענקאָ איז אויפגעציטערט און אַנשטאָט אויפרופן און פּלאַ־מיקע אַפּעלן האָט קאַראַלענקאָ אויסגעקליבן דאָס געווער פון קונסט און אין אַ קינסטלערישן רעפּאָרטאַזש, „וואָס איז געוואָרן אַ קלאַסישע שאַ־פונג״ (סלוצקי) און דערמאָנט אין אַ סך ערטער ביאַליקן, האָט ער געשילדערט דעם אויסזען פון קישינעוו, דער שטאָט פון טויט.

דער רעפּאָרטאַזש טראָגט דעם נאָמען: „דאָס הויז נומער 13״. ס'איז דאָס הויז אויף אַזיאַטסקאַיאַ גאַס, ווו ס'זיינען אומגעקומען מענטשן אויף אַ באַרבאַרישן אופן. לויט דערציילונגען פון עדות, וואָס האָבן איבערגעלעבט די געשעענישן האָט דער מחבר געגעבן אַ בילד, וואָס איז אין אַ סך פּרטים ענלעך צו די שילדערונגען פון ביאַליקן. ס'איז, אגב, נישט קיין ווונדער:ביידע האָבן באַזוכט דעם זעלבן טייל פון שטאָט, ווו די באַנדיטן האָבן צו מייניסטנס געבושעוועט.

קאַראַלענקאָ וואָגלט אַרום איבער די גאַסן, ווו עס וואַלגערן זיך נאָך שערבלעך, פּעדערן באַפּלעקטע מיט ערשט נישט לאַנג פּאַרגאָ־סענעם בלוט. ער באַמיט זיך צו רעקאָנסטרואירן דעם פילם פון די פּאַסירונגען אין דעם צום שרעקלעכסטן אויסגעפּרוווטן הויז נומער 13. ער רעדט מיט מענטשן, וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם פּאָגראָם און אינטערעסירט זיך מיט די מיינונגען פון פּשוטע בירגער וועגן אַלץ, וואָס האָט זיך דאָ אָפּגעשפּילט. מיט איין וואָרט, דער רעפּאָרטאַזש איז אויפגעבויט אויפן געווינטלעכן פּאַר קאַראַלענקאָ שטייגער: מיטן מעטאָד פון קאָנקרעטע פאַקטן, וואָס זיינען אָבער באַפאַרבט מיט אחריות־געפיל פון מחבר פאַר אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען. ער שעמט זיך פאַר זיין פאָלק און גיט צו: „יאָרן וועלן זיין נייטיק, כדי ווי נישט איז אָפּצומעקן פון זכרון די חרפּה פון געשעענעם, וואָס האָט מיט אַ שמוציק־בלוטיקן פלעק זיך געלייגט אויפן געוויסן פון קישינעווער „קריסטן״.

קאַראַלענקאָ קומט צום אויספיר, אַז די מאָטיוון, וואָס האָבן גע־שטויסן די קרעמערס, בעלי־מלאכהס און אַנדערע שיכטן פון רוסישן בירגערטום צום פּאָגראָם זיינען עקאָנאָמישע, זיי האָבן מורא פאַר יידי־שער קאָנקורענץ.

דער פּאָגראָם האָט זיך אָפּגעשטעלט ווי אויף אַ באַפעל. דער גו־

בערנאַטאָר האָט באַקומען אַן אָנווייזונג און מיט אַ מאָל, זייגער 5, איז געוואָרן רואיק. פאַר דעם האָט ער צו זיך קיין דעלעגאַציעס נישט צו־געלאָזט, באַשולדיקט קאָראָלענקאָ, וועלכער שרייבט:

„איך בין דעם פערטן טאָג אין קישינעוו און כ׳פיל זיך ווי אין אַ קאַשמאַרשלאָף. און ווי אין אַ קאָשמאַר מער ווי אַלץ מאַטערט דער באַוווסטזיין פון הילפלאָזיקייט״ (קניגאַ אָב אַטצע, ז. 90)

דער רעפּאָרטאַזש איז געווען פאַרווערט אין רוסלאַנד דורך דער צאַרישער צענזור און איז דערשינען קודם אין לאָנדאָן אין דער דרוק־קעריי פון „בונד״. אין רוסלאַנד האָט מען צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט „דאָס הויז נומער 13״ אין יאָר 1905 בעת דער רעוואָלוציע.

אַן ענלעכע שטימונג ווי ביי קאָראָלענקאָ לעבט איבער די רוסישע שרייבערין (פון אַ יידישן פאָטער) שטשעפּקינאַ־קופּערניק:

„איך געפין מיך אין אַ פולשטענדיק געדריקטן נשמה־צו־שטאַנד מחמת דער קישינעווער פּאָגראָם „אונד אַללעס וואָס דאַצו געהערט״ (געשריבן אין דייטש). ס׳איז עפּעס העסלעכס, שרעק־לעכס. און די האַנדלונג און אויפפירונג פון דער מאַכט פאַר, בעת און נאָכן פּאָגראָם זיינען אומדערהערטע. די פּאָליציי, דער גובער־נאַטאָר, די פּראָקוראָרן, די מיניסטאָרן, „ע ר א ל י י ן״ — אַלע דאַרף מען משפטן! הפקרות, רעכטלאָזיקייט, שקר, אומפאַרשעמט־קייט — אַלץ איז דאָ!״ (קופּערניק ז. 75).

קאָראָלענקאָ איז אויסער זיך, דעפּרימירט. ער שרייבט: „דער אַנטיסעמיטיזם האָט פאַרפּאַסקודיעט („זאַגאַדיל״) דאָס גאַנצע לעבן״ (ווערק, ב. 10, ז. 366).

באַלד נאָכן פּאָגראָם האָט זיך שלום־עליכם געוואָנדן צו קאָראָלענ־קאָ ער זאָל צושיקן אַ דערציילונג פאַר אַ זאַמלונג לטובת די קרבנות פון פּאָגראָם. קאָראָלענקאָ ענטפערט מיט אַ בריוו פון 17־טן יוני 1903, אין וועלכן ער דערלויבט אַז שלום עליכם זאָל איבערזעצן זיין דערציילונג „דער בלינדער מוזיקאַנט״, ווייל אין איצטיקן מצב איז ער אומפעאיק אָנצושרייבן עפּעס נייס. און ער איז ממשיך:

„וואָס לאָזט זיך זאָגן וועגן קישינעווער פּאָגראָם? עס ווייזט אויס אַז דאָ קאָנען קיין צוויי מיינונגען נישט זיין: אַלע דאַרפן זיך צונויפגיסן אין איין און דעם זעלבן געפיל. דאָס איז עפּעס אַ סטי־כישע דערוואַכונג פון ווילדע איבערלעבונגען, וואָס רייסן זיך אַדורך ווי אַ וואולקאַן־לאַווע און וואָס אונדזער דינע קולטור־הייטל איז נישט אין שטאַנד בייצושטיין. איך האָב שוין לאַנג נישט דורכ־געלעבט אַזעלכע שווערע מינוטן, ווי אין די עטלעכע טעג, וואָס כ'האָב געוויילט אין קישינעוו.

כ'ווינטש דערפאָלג אייער זאַמלונג...״

די זאַמלונג, זאָל דאָ געזאָגט זיין, איז קיין מאָל נישט דערשינען.

קאַראָלענקאָס אינטערווענץ אין פּאָלטאַווע (1905)

עטלעכע בריוו פון קאָראָלענקאָ וועלן קלאָר מאַכן די סיטואַציע אין יאָר 1905 אין פּאָלטאַווע, דאָס יאָר פון רוסישע מפּלות אויפן יאַפּאַנישן פראָנט און פון דער ערשטער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

די בריוו זיינען געשריבן צו פיאָדאָר דימיטריעוויטש באַטיוש־קאָוו.

„פּאָלטאַווע, 2 פעברואַר 1905. ביי אונדז איז דאָ פאַרהעלטניש־מעסיק רואיק. טאַקע פאַרהעלטנישמעסיק: פאַרן 19־טן פעברואַר האָבן זיך אַרומגעטראָגן קלאַנגען און, ווי מען דערציילט, האָט מען אַפילו פונאַנדערגעטיילט „פּראָקלאַמאַציעס": שלאָגן יידן און סטודענטן. דאָס אַלץ איז אָבער גאָרנישט, הגם ביי פיל מענטשן האָט דאָס געוועקט אַ מורא...

די טעג האָב איך פאַרעפנטלעכט אין „רוסקיע וויעדאָמאָסטי" אַ נאָטיץ וועגן „פּעדאַגאָגישער פּאָליטיק", וואָס האָט אַרויסגערופן אין גאַנצן אומדערוואַרטעטע אומדירעקטע קאָנסעקווענצן. אַ געוויסע לייע־נערין — אַ יידישע פרוי פון מאָסקווע — שרייבט מיר אין אַן אָפענעם בריוו, אַז זי שיקט מיר 300 רובל „ווי אַ דאַנק־אויסדרוק וואָס איר האָט אין „רוסקיע וויעדאָמאָסטי" פאַרטיידיקט יידן". זי האָט אַוודאי געוואָלט זאָגן אַז זי גיט איבער די 300 רובל אין מיין רשות פאַר אַ וווילטעטיקן צוועק..."

דעם 18־טן יוני 1905.

„אין פּאָלטאַווע האָט מען צוויי מאָל געשמועסט וועגן אומ־

רועןְ און פּאָגראָמען, מען האָט פאַרשפּרייט פּראָקלאָמאַציעס, וואָס רופן צו שלאָגן יידן און בונטאָרן, אָבער צו מעשים איז נישט געקומען. אַ 20 קילאָמעטער פון אונדז זיינען פאָרגעקומען פּויע־רישע אומרוען, וואָס טראָגן אַן אַגראַר כאַראַקטער... אָבער ביי דער געלעגנהייט איז זיך נישט באַגאַנגען אָן יידן און פּאַנעס. עס זיינען פאָרגעקומען עטלעכע פאַלן פון אויסברוכן. די באַרימטע קאָזאַקן".

דעם 28־טן 10־טן 1905.

„ביי אונדז דאָ האָט אַ פּאָגראָם געהאַנגען און טיילווייז הענגט נאָך איבער אונזערע קעפּ... אַחוץ אַלעם איבעריקן האָבן מיר נאָך אַ „יידן־פראַגע". לעת־עתה גיט זיך איין אויסצומיידן אַ צוזאַ־מענשטויס און אַן אומגעהייער אומגליק. אַ פּאָר דערפער און באַ־צירקשטעט זיינען צעראַבעוועט. אין פּאָלטאַווע איז זייער אומרואיק, אָבער ס'איז נישטאָ קיין פּאָגראָם און די שפּאַנונג לאָזט אָפּ. איך האָב מיך אַרויסגעשלאָגן פון די כחות. ס'איז אויסגעקומען צו ריידן צו אַ פיל טויזנט־קעפּיקן המון. איך גיי אַרום מיט אַ פּאָר ראָט־מענער און ווילע מענטשן פון דער געזעלשאַפט איבער די מערק. מיר ריידן, מיר באַרואיקן".

דעם 30־טן יוני 1906.

„דעם 29־סטן, 30־סטן יוני און ערשטן יולי וועט אין פּאָלטאַווע פאָרקומען אַ חגא מיט איקאָנעס. דאָס האָט פאַרשטייט זיך אַרויס־גערופן אַ מורא. ווו מען גייט אַרום מיט קריסטלעכע איקאָנעס, דאָרט דערוואַכן „גוטע געפילן" צו אַזאַ מדרגה, אַז אַלע דערוואַרטן אַ פּאָגראָם...

די קאָזאַקן, פאַרשטייט זיך, וואַרטן נאָר אויף אַ געלעגנהייט צו רויב. יאָ, קאָזאַקן ביי אונדז דאָס איז אַ ווילדע קאָמאַנדע... מיט ווילדע באַוועגלעכע אויגן, וואָס קוקן גיריק אַרויס אויף רויב...

נעכטן האָבן זיך פונאַנדערגעשפּרייט קלאַנגען אַז אין אַ יידישער וווינונג זאָל מען האָבן געפונען אַ באָמבע. די קלאַנגען שטאַמען פון דער פּאָליציי".

קאָראָלענקאָ גיט צו, אַז אפשר איז דאָס מאָל יאָ פאַראַן אַן אמת אין די קלאַנגען, ווייל יידן גרייטן זיך צו זעלבסטשוץ. דער בריוו ענדיקט זיך אַזוי: „די שטימונג איז אַ געשפּאַנטע, פיל יידן האָבן פאַרלאָזט די שטאָט, די גאַסן זיינען נעכטן געווען פוסט, היינט אוודאי. איך בין אָבער איבערצייגט, אַז צו קיין פּאָגראָם וועט נישט קומען און מאָרגן פרי קער איך זיך צוריק אַ היים... דאָס דאַרף טראַכט מער וועגן דער דומע ווי וועגן פּאָגראָמען אויף יידן. אַלץ איז אַפּהענגיק פון אַ פּראָוואָקאַציע, און אויף אַ שטאַרקער פּראָוואָקאַציע, מיין איך, וועלן זיי זיך נישט דעצי־דירן". (בריוו).

צו די דאָזיקע בריוו האָב איך בדעה צוצוגעבן בלויז איין קורצע באַמערקונג פון אברהם באַריסאָוויטש דערמאַן, דער פריינד, דער קאָ־רעספּאָנדענט, וואָס האָט געקאָנט קאָראָלענקאָ זייט 1902 און האָט גע־ווינט אין פּאָלטאָווע. אגב, איז דערמאַן, אַ ליטעראַטור־קריטיקער, גע־ווען דער, וואָס האָט צוזאַמען מיט קאָראָלענקאָס פרוי צוגעגרייט צום דרוק די ליטעראַרישע ירושה פון איר מאַן.

דערמאַן שרייבט אין זיינע זכרונות וועגן קאָראָלענקאָ:

„ס'איז מיר אויסגעקומען אַ מאָל אים צו זען אין כעס. דאָס איז געווען אין די אָקטאָבער־טעג 1905, ווען שוואַרץ־מאהדיקע עלע־מענטן האָבן פּראָבירט צו מאַכן אַ פּאָגראָם אין פּאָלטאָווע. איך געדענק די רעדע אין שאָט־ראָט, אין וועלכער ער האָט גערופן זיך אַנטקעגנצושטעלן די פאַרגוואַלדיקער און נישט לאָזן טון קיין עוולה מענטשן, וואָס קאָנען זיך נישט ווערן. און איך געדענק דעם פלאַם פון צאָרן אויף זיין שיין פנים מיטן אויסדרוק פון טיפן אומעט". (דערמאַן, ז. 254)

דער פּראָצעס פון מענדל בייליס

אַ דאַנק דעם ראָמאַן פון אַמעריקאַנער יידישן שרייבער בערנאַרד מאַלאַמוד „דער מאַן פון קיעוו״ איז ווידער דערמאָנט געוואָרן דער פון לאַנג פאַרגעסענער נאָמען פון מענדל בייליס.

איך דערמאָן מיך, ווי אַנטיסעמיטן אין גאַליציע און אין פוילן פלעגן זידלען אַ יידן מיטן צונאָמען „בייליס״, אַריינלייגנדיק אין דעם וואָרט אַ לאַדונג פון שינאה נישט בלויז צום מענטשן, נאָר צו אַ גאַנצן שבט, צו אַ פאָלק, צו אַ רעליגיע, פון וועלכער עס איז אַרויסגעוואַקסן דאָס קריסטנטום.

ווער איז געווען בייליס און אין וואָס איז באַשטאַנען די אַפּערע?

בייליס איז געווען אַן אַנגעשטעלטער אין אַ ציגעלניע פון יידישן אייגנטימער זייצעוו, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ פאָרשטאָט פון קיעוו לוקיאַנאָווקע.

אין אַ געוויסן מערץ־טאָג, פאַר פסח, 1911, האָט מען אין דער געגנט פון דער ציגעלניע געפונען אַן אויף טויט צעשטאָכענעם קערפּער פון אַ דרייצן־יאָריקן רוסישן ייִנגל אַנדריי יושטשינסקי.

אויפן סמך פון אונטערגעשטעלטע עדות האָט די פּאָליציי באַשולדיקט בייליסן אין באַגיין דעם מאָרד. דער רעאַקציאָנערער רעזשים האָט גלייך צעבלאָזן דעם גאַנצן ענין. פּונקט ווי די דרייפוס־אַפּערע אין פראַנקרייך האָט די בייליס־אַפּערע אין רוסלאַנד צעטיילט דאָס לאַנד, און אויך מערב־אייראָפּע, אין צוויי לאַגערן.

„דער ביילִיס־פּראָצעס איז אַ דרייפוס־אַפּערע, אָבער אַ נאָך העס־לעכערע און פיל ברוטאַלער אָנגעפירט ווי יענע. ווייל — שרייבט ווייטער ב. ווייאר אין „ל'הימאַניטע" — עס קאָנען זיך געפינען מערדער און פאַררעטער אויך צווישן יידן, אָבער עס קאָנען זיך נישט געפינען צווישן זיי קיין מערדערס אויס רעליגיעזע סיבות.

דער „ריטועלער מאָרד" איז אַ גרויזאַמער אָבערגלויבן, וואָס דער מיטלעלטער האָט אויסגעבאָרגט ביי די רוימער, וועלכע האָבן באַ־שולדיקט אין ריטועלן מאָרד די ערשטע קריסטן".

(„ל'הימאַניטע", 10, נאָוועמבער, 1913).

אין זיינע זכרונות שרייבט דובנאָוו, אַז דער מיניסטער שטשעגאָ־לאָוויטאָוו האָט אונטערשטיצט דעם „סאָיוז רוסקאָוואָ נאַראָדאַ", וואָס האָט בדעה צו אינסצעניזירן אַ גרויסן פּראָצעס.

מען דערציילט, אַז ווען דער צאַר איז געווען אין קיעוו אויף די פייערונגען בעת וועלכער דער מיניסטער סטאָליפּין אין דערמאָרדעט געוואָרן, האָט אים דער מיניסטער פאַרזיכערט, אַז דער מאָרד איבער יושטשינסקין איז אָן ספק אויסגעפירט געוואָרן דורך יידן.

דער מיניסטער באַזייטיקט די אָרטיקע אויספאָרשערס און שיקט אַראָפּ „ספּעציאַליסטן" פון פּעטערבורג. זיי האָבן דאָס געזאָלט פעסטש־טעלן די עקסיסטענץ פון אַ „ריטואַל" אין מאָרד, וואָס איז פאַקטיש אויסגעפירט געוואָרן מיט אויסרעכענונג אין דער ספּעלונקע פון פּרוי טשעבעריאַק.

דובנאָוו דריקט אויס אַ מיינונג, אַז די היסטאָרישע געזעלשאַפט איז מחויב צוזושטעלן היסטאָרישן מאַטעריאַל וועגן ענין און פאַרעפנט־לעכן אין „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ" אַרבעטן וועגן דער געשיכטע פון ריטועלע פּראָצעסן אין פוילן און רוסלאַנד.

די פּלאַנירטע אַרבעט ווערט געפירט. בעת אַ רעפעראַט פון מ. ל. טריוווס קומט אַריין אין זאַל קאָראָלענקאָ.

דער פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט באַגריסט אים ווי „אונדזער מיטקעמפער און אויסדריקער פון געוויסן פון די בעסטע רוסישע מענטשן".

דובנאָוו באַמערקט ווי פון די אַרויסגעזאָגטע לויבן האָט זיך פאַרשעמט דער באַרימטער שרייבער, וואָס פּערסאָניפיצירט דעם אמת און יושר. קאָראָלענקאָ האָט געענטפערט קורץ: קעמפנדיק מיט שעדלעכע פאָר־אורטיילן דערפילט ער זיין מענטשלעכן חוב.

דובנאָוו דרוקט אָפּ אין דער צייטונג „דיען" אַן אַרטיקל אונטערן קעפּל „די מקורים פון ריטועלן שקר", אין וועלכן ער רעכנט אויס גאַנצע פיר:

1. דער פאַרלאַנג אויפצוקלערן סודותדיקע פאַרברעכנס, ווי למשל טייטן אומגעזעצלעכע קינדער;

2. בכיוונדיק פאַרדעקן געהיימע פאַרברעכנס;

3. פאַבריצירונג פון מאַרטירערס און הייליקע צוליב מאַטעריעלן פּראָפיט;

4. באַדערפעניש איינצורעדן די שונאי־ישראל, אַז זייערע קרבנות זיינען זיך נוקם.

דעם אַרטיקל ענדיקט דובנאָוו מיט אַ ציטאַט פון זיין באַליבטן שרייבער קאָנדאָרסע:

„זיי האָבן מיר געגעבן די ברירה צו זיין אַן אונטערדריקער אָדער אַ קרבן, איך האָב אויסגעוויילט מיין אומגליק און זיי געלאָזט זיין די פאַרברעכערס". אגב, פאַרן דאָזיקן אַרטיקל איז דער רעדאַקטאָר געווען פאַרמשפּט און דאָס זעלבע האָט אויך געדראָט דובנאָוון, אָבער צוליב דער מלחמה, וואָס איז דערווייל אויסגעבראָכן איז דער ענין אָפּגעלייגט געוואָרן און שפּעטער איז דער רעזשים אַליין געפאַלן. (דובנאָוו ב. 2, ז. 134 — 135, 144, 155).

גאָר שטאַרק איז געווען די רעאַקציע פון בעסטן טייל פון דער רוסישער געזעלשאַפט. גרוזענבערג און מיליוקאָוו באַשטייען אויף דעם אַז קאָראָלענקאָ זאָל פאַרפאַסן אַן אויפרוף, וואָס ווערט פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג „ריעטש". מיר לייענען דאָרט:

„אין נאָמען פון גערעכטיקייט, אין נאָמען פון שכל און מענטשן־ליבע הייבן מיר אויף אונדזער שטימע קעגן פרישן אויסבראָך פון פאַנאַטיזם און פינצטערן שקר. פון לאַנג שוין פירט זיך אַן אייביקער קאַמף פון דער מענטשהייט פאַר פרייהייט, גלייכבאַרעכ־טיקונג און ברודערשאַפט צווישן מענטשן, קעגן שקלאַפעריי, שינאה און צעטיילונג. און אַט אין אונדזער צייט — ווי דאָס איז שטענ־דיק געווען — די זעלבע מענטשן, וואָס אונטערדריקן זייער אייגן פאָלק, וועקן אין אים עקשנותדיק דעם גייסט פון רעליגיעזער פיינדשאַפט און נאַציאָנאַליסטישן האַס. זיי רעכענען זיך נישט מיט דער מיינונג פון פאָלק, נישט מיט זיינע רעכט. זיי זיינען גרייט צו דערשטיקן מיט שטרענגע מיטלען און זיי אַליין דערמוטיקן די נאַציאָנאַלע אַבערגלויבנס, בלאָזן פונאַנדער פאַלשע מיינונגען און רייצן אויף צו אונטערדריקן בירגער פון אַן אַנדערן שבט... מ'האָט ווידער אויפגעלעבט די ליגנערישע מעשה, אַז יידן באַנוצן קריסט־לעך בלוט".

ווייטער ווערט דערציילט דער היסטאָרישער מקור פון עלילת־דם, פון וועלכן אין די רוימישע צייטן זיינען נאָך די קריסטן געווען די ערש־טע קרבנות. קאַראָלענקאָ האָט שטודירט דעם ענין. ער ברענגט מיינונ־גען פון הייליקן יוסטינוס, טערטוליאַניוס, וואָס האָבן דעם בלוט־בילבול באַטראַכט פאַר אַ בפירושן ליגן.

דער אויפרוף דערמאָנט אויך דאָקומענטן, אויף דעם סמך פון וועל־כע די צאַרן אַלעקסאַנדער דער ערשטער און ניקאָליי דער ערשטער, ווי אויך דער פּאַטריאַרך גריגאָרי האָבן געשטעמפּלט דעם בלוט־חשד. דער אויפרוף אַפּעלירט צו דער עפנטלעכקייט: „שעמט זיך, שעמט זיך צוצו־שרייבן אַזאַ פאַרברעך מענטשן, וואָס האָבן צו דעם קיין שייכות נישט! הערט אויף, באַטראַכט זיך!"

דער אויפרוף איז געווען אונטערגעשריבן דורך מיטגלידער פון מלוכהשן ראָט, פון שרייבער, אַרטיסטן, סטודענטן, וויסנשאַפטלער... מיר באַגרענעצן זיך בלויז צו עטלעכע, מער באַקאַנטע אין אויסלאַנד ווי די שרייבערס: אַרציבאַשעוו, בלאָק, סערגייעוו צענסקי, טשיריקאָוו, זינאַאידאַ היפּיוס, פ. סאָלאָגוב, נעקראַסאָוו, די פּראָפעסאָרן טוגאַן־באַראַנאָווסקי,

באָדוען־קורטענע, ראַסטאָווצעוו, נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ, סעראַפּימאָ־וויטש, מיליוקאָוו, קופּרין, רובאַקין, קופּאַלאַ, אָסענדאָווסקי... (רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ 1911, נומ. 12).

צום אויפרוף האָבן זיך אָנגעשלאָסן פּראָסטע מענטשן אין נאָמען פון גאָט און דער קירכע. די צייטונג „אָדעסקי ליסטאָק" פּאַרעפנטלעכט אַ בריוו, ווו דער ערשטער זאַץ קלינגט: „לויט דער איניציאַטיוו פון וו. קאָראָלענקאָ... האָבן געזעלשאַפטלעכע טוערס זיך געוואָנדן... צו דער רוסישער עפנטלעכקייט מיט אַן אויפרוף צוליב דעם בלוט־בילבול קעגן די יידן. די פיל טויזנטקעפּיקע יידישע באַפעלקערונג פון אָדעס האָט אַ רעכט צו פאַרלאַנגען פון אירע קריסטלעכע מיטבירגער זיי זאָלן זיך סאָלידאַריזירן מיטן קול פון די נאָבעלע הערצער און מוחות פון רוס־לאַנד". עס ווערט דאָ דערמאָנט, אַז צווישן די ערשטע חתימות געפינט זיך די פון אַנדרייעוו, גאָרקי, קאָראָלענקאָ...

עס האָבן זיך גענומען שיטן אונטערשריפטן פון מענטשן פון אַלע שיכטן.

די עפנטלעכע מיינונג איז געווען אויפגעבראַכט. דער אויפרוף און די אַרטיקלען אין דער פּרעסע האָבן געהאַט זייער ווירקונג.

קאָראָלענקאָ האָט זיך אָבער נישט געקאָנט באַרואיקן. ער ווערט אין גאַנצן אַריינגעצויגן אין דער אַפערע און באַרואיקט זיך ערשט ווען ביילים איז געוואָרן באַפרייט. די יאָרן 1911־1913 זיינען פאַר אים יאָרן פון איבערמענטשלעכן אָנשטרענג.

דעם 18־טן נאָוועמבער 1911 שרייבט קאָראָלענקאָ צו זיין פרוי אַ בריוו, אין וועלכן ער בעט זי זאָל אים אומבאַדינגט שיקן די מאַטעריאַלן וועגן ריטועלן מאָרד, וואָס געפינען זיך אין קאָנווערטן מיט אַנטשפּרעכנדיקע אויפשריפטן. ער מוז דאָס דרינגענד האָבן, ווייל דער ענין יושטשינסקי צעוואַקסט זיך און ער ווערט אַריינגעצויגן אין דער פאַרטיידיקונג.

„נעכטן האָב איך זיך דערוווסט מיט פאַרביטערונג, אַז די קיעווער צייטונגען און, נאָך זיי, די „רוסקיע וויעדאָמאָסטי" האָבן שוין געמאָלדן, אַז וו. ג. קאָראָלענקאָ טרעט אויף אין ענין ביילים.

כ׳האָב נאָך נישט געגעבן קיין דעפיניטיוון ענטפער און די אַדוואָקאַטן האַלטן, אַז כ׳בין שוין איינגעשפּאַנט און הייבן מיך אָן אונטער־צויאָגן. איך האָב נעכטן געזאָגט וועגן דעם גרוזענבערגן. ער פאַרזיכערט מיך, אַז ער האָט וועגן דעם געזאָגט, און דאָס בסוד, נאָר זיינע חברים די פאַרטיידיקער, אָבער טאַקע באַלד הייבט ער אָן מיך צו איבערצייגן, אַז ס׳איז נייטיק און אַז דאָס קאָן אין אַ געוויסער מאָס האַמעווען די אומפאַרשעמטע האַנדלונג פון די געריכטס־אינסטאַנצן... דער ענין איז נישט קיין לייכטער. נעכטן האָט זאַמיסלאָווסקי (דומע־דעפּוטאַט, מיט־גליד פון „סאָיוז רוסקאָווא נאַראָדאַ״, אויפן פּראָצעס דער ציוויל־מאַנער אין נאָמען פון פרוי יושטשינסקי, דער מוטער פון דערמאָרדעטן יינגל אַנדריי נ. ג.) פונאַנדערגעשיקט צו די דעפּוטאַטן אַ גאַנצע רשימה פון „ריטועלע מאָרדן״ זייט דעם פערטן יאָרהונדערט. כ׳וועל זיך מוזן באַ־קענען מיטן פּראָבלעם און זאַמלען דאָקומענטאַציע כדי אָפּצולייקענען און אויפצוקלערן״.

ער בעט אויך מען זאָל אים שיקן די רעדע פון מולטאַנער ענין.

אַ ביבליאָטעקאַר פון דער פּעטערבורגער עפנטלעכער ביבליאָטעק אַלעקסאַנדער איסאַיעוויטש בראַודע באַזוכט קאָראָלענקאָ און ברענגט אים אַ דאָקומענטאַציע וועגן עלילת־דם.

דער רוסישער שרייבער קאָרניי טשוקאָווסקי דערמאָנט אין זיינע זכרונות דעם טאָג פון 15־טן מאַי 1912. קאָראָלענקאָ איז געווען שטאַרק דערשלאָגן: צוויי רעדאַקטאָרן פון „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ״ זיינען אַרעס־טירט, דער דריטער, זיין נאָענטסטער פריינד אַנענקאָוו איז שווער קראַנק און פאָרט קיין אויסלאַנד זיך היילן. קאָראָלענקאָ אַליין האָט צו טון מיט געריכטן: ער איז פאַרפאָלגט פאַר עטלעכע אַרטיקלען. מענטשן קומען צו אים זיך באַקלאָגן און ער לויפט באַלד אינטערווענירן:

„שוין אָט אין די טעג, וועגן וועלכע איך דערצייל איז וולאַ־דימיר גאַלאַקטיאָנאָוויטש ביי זיין גאַנצער פאַרנומענקייט און שרעק־לעכער מידקייט פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיין צוגרייטן זיך צו פאַר־טיידיקן ביילִיסן״. (טשוקאָווסקי).

פאַראַן נאָך אַ מאָטיוו, פאַר וואָס קאָראָלענקאָ האָט זיך באַטייליקט אין דער פאַרטיידיקונג פון ביילִיסן, אַ חוץ דעם הומאַניטאַרן און פּאָט־

ריאַטישן: „ס'איז נייטיק געוועז, אַז די ליטעראַטור אין אונדזער צייט זאָל נישט זיין אין אַ זייט פון לעבן". (צו פּראָטאָפּאָפּאָוון, 16־טן יוני 1921).

קאָראָלענקאָ שרייבט צענדליגער אַרטיקלען אין דער צייט צווישן אָנהייב פון דער אויספאָרשונג ביזן פּראָצעס אין אָקטאָבער 1913 און שפּעטער. איינער פון די אַרטיקלען, וואָס איז שפּעטער אַריין אין דער זאַמלונג פון זיינע ווערק אין דער סעריע „וועגן פּאָגראָם־ענינים" רופט זיך: „צו דער פראַגע פון ריטועלע מאָרדן".

קאָראָלענקאָ זאָגט אַז די לעגענדע וועגן ריטועלן מאָרד האָט די אייגנשאַפט, וואָס זי ברעכט אויס סטיכיש, ספּאָראַדיש ווי אַן עפּידעמיע פון אַבערגלויבן. צום לייכטסטן צינדט זיך אָן די פינצטערע מאַסע.

די אינקוויזיציע פאַרמאָגט מיטלען אויף אויסצופּרעסן גבית־עדות, וואָס זאָלן באַרעכטיקן דעם פּסק־דין. ווען מען באַטראַכט אָבער דעם ענין מיט קאָמפּעטענץ און אָן לײַדנשאַפט פּלאַצט די לעגענדע ווי אַ זייפן־בלאָז. דער אמת דערגרייכט צו די מאַסן צו שפּעט „און דעמאָלט כאַפּט אַרום די מאַסע פאַרשטענדיקע און ערלעכע מענטשן פון דער קריסטלעכער וועלט אַ צאָרן און אַ חרפּה". קאָראָלענקאָ באַווייזט מיט פּויפּסט־לעכע דאָקומענטן פון אינאָצענטי דעם פערטן (13־טער י"ה), אַז „אַ טייל גייסטלעכע און וועלטלעכע פּירשטן, כדי צו פאַרכאַפּן אויף אַ רעכט־לאָזן אופן זייער (פון די יידן) פאַרמעגן, טראַכטן זיי אויס קעגן זיי (די יידן) גאָטלאָזע באַשולדיקונגען. כאָטש לויט דער הייליקער שריפט איז זיי פאַרווערט אין פּסח זיך צוצורירן צו אַ מת, וואַרפט מען אויף זיי אַ פאַלשע באַשולדיקונג, אַז פּסח טיילן זיי כלומרשט צווישן זיך אַ האַרץ פון אַ געהרגעט ייִנגל". (בולע, 18 אויג. 1247).

אויך קלעמענס דער 14־טער שטעלט פעסט, אַז „ווי איין פּויפּסט האָט נישט געהאַלטן פאַר גערעכט די באַשולדיקונג אין באַנוצן בלוט".

אַן ענלעכן באַשלוס טראָגט אַרויס דער פּרייסישער קעניג פרידריך דער צווייטער, וועלכער רופט אַ גרויסע באַראַטונג אין שייכות מיטן טויט פון פינף קריסטלעכע קינדער אין פולדאַ, פאַר וועלכע די שולד איז געוואָרפן געוואָרן אויף יידן.

נאָך פיל אַנדערעביישפּילן דערגייט קאָראָלענקאָ צום ענין ביילים און פירט אויס:

„עס פאָדערט זיך בלויז אַן אמתדיק געריכט, אַ גלייכער פאַר אַלע מענטשן און נאַציעס. עס פאָדערט זיך, אַז די אויספאָרשונג זאָל זיך שטיצן אויף באַווייזן וואָס האָבן אַ שייכות צום ענין גופא און גלייך פאַר אַלע מענטשן און אַלע גלויבנס". (אַלע ווערק, ב. 9, ז. 279).

גלייך ווי נאָכן קישינעווער פּאָגראָם קומט אויך איצט קאָראָלענקאָ אויפן אָרט פון די פּאַסירונגען. אין די טעג ווען עס קומט פאָר דאָס געריכט, באַזוכט קאָראָלענקאָ לוקיאַנאָווקע, די געגנט פון דער ציגעלניע. דאָרט רעדט ער מיט מענטשן, וואָס האָבן געקענט אַנדרייען. קינדער, וואָס האָבן זיך געחברט מיט אַנדרייען דערציילן אים וועגן זייערע שפּילן; ער פרעגט אויס וועגן ביילים און קיינער, פון גרויס ביז קליין, לאָזט נישט פאַלן קיין שלעכט וואָרט וועגן אים: ער איז געווען אַ שטילער מענטש און אַלע האָבן אים געלויבט.

נאָכן באַזוך אין לוקיאַנאָווקע קערט זיך קאָראָלענקאָ צוריק אין שטאָט אַריין, ווו די שיינע הייזער, די גרויסע געשעפטן, די עלעקטרישע באַלייכטונג און דער טומל פון די צייטונגס-פּאַרקויפער קאָנען נישט אויסוואָרצלען דעם איינדרוק, אַז ער לעבט אין 16-טן יאָרהונדערט.

דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 25-טן אָקטאָבער 1913. דער פּאָרזיצער איז געווען באָלדירעוו; די באַשולדיקער וויפּפּער און טשאַפּלינסקי זיינען אַראָפּגעשיקט געוואָרן אַזש פון פּעטערבורג; אין נאָמען פון אַנדרייס מוטער איז אויפגעטראָטן שמאַקאָוו און זאַמיסלאָווסקי;

ביילים האָבן פאַרטיידיקט די באַרימטסטע אַדוואָקאַטן: מאַקלאַקאָוו, קאַראַבטשעווסקי, זאַרודני, גריגאָראָוויטש-באַרסקי, ווינאַווער, אורוסאָוו, און גרוזענבערג. ווי אַן עקספּערט האָט די באַשולדיקונג נישט געפונען קיין בעסערן ווי אַ ליטווישן גלח פון אוזבעקיסטאַן פּראַנייטיס.

גרוזענבערגס ראָל אין דאָזיקן פּראָצעס איז געווען אַ גאָר וויכטיקע. מען האָט עס באַלד אָפּגעשאַצט און די ערשטע יידישע שטאָט תל-אביב האָט נאָך ביי זיי לעבן אָנגערופן אַ גאַס אויף זיין נאָמען.

נאָך דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט גרוזענבערג זיך באַזעצט אין ריגע און שפּעטער אין ניס, וווּ ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1941.

עס איז אינטערעסאַנט זיך צו באַקענען מיט זײַנע זכרונות וועגן פּראָצעס. אַ טייל פֿון זיי זײַנען געווען פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער ייִדישער צייטונג „פּאַריזער היינט".

גרוזענבערג דערציילט, אַז בעתן פּראָצעס אין קיעוו איז קאָראָלענקאָ מיט אַ מאָל פֿאַרשוווּנדן און קיינער האָט נישט געוווּסט וווּ ער האָט זיך אַהין געטון. מען האָט זיך געחידושט, אָבער נישט פֿאַרשטאַנען זײַן שריט. ערשט נאָך עטלעכע טעג איז ער ווידער דערשינען און דערציילט דעם סוד פֿון זײַן פֿאַרשווינדן: ער האָט געפֿאָרשט דעם אופֿן ווי אַזוי מען האָט באַשטימט די געשווירענע ריכטער. ער האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז דער אָפּקלייב איז געווען געמאַכט מיט אַ כּוונה: מען האָט אויסגעוויילט עם־הארצים, פּויערים, דאָרפֿישע איינוווינער; דער געבילדעטסטער צווישן זיי איז געווען אַ נידעריקער באַאַמטער.

„אין דערפֿער וווּ עס האָבן געוווינט די געשווירענע ריכטער האָט מען געשיקט פּאָליציי־אַגענטן מיטן אויפֿטראַג, לויטן אויסדרוק פֿון אַן אָפֿיציעלן דאָקומענט, נישט צו דערלאָזן, אַז די ייִדן זאָלן באַאיינפֿלוסן די דאָזיקע ריכטער. עס איז נישט שווער זיך פֿאָרצושטעלן, ווי אַזוי די דאָזיקע אַגענטן האָבן באַאַרבעט די געשווירענע ריכטער אונטערן אויסרייד פֿון באַשיצן זיי קעגן אַ כּלומרשטער ייִדישער השפּעה". (היינט, 5 מערץ 1934).

שרײַבנדיק די דאָזיקע שורות האָט גרוזענבערג געהאַט אין זכּרון די 5־בענדיקע „דאָסיע" פֿון אַרכיוו, וואָס ער האָט געלייענט נאָך דער רעוואָלוציע פֿון 1917 אין פֿעברואַר.

ער דערציילט, ווי אַזוי דאָס יוסטיץ־מיניסטעריום האָט געזוכט עקספּערטן צווישן די רוסישע געלערנטע גייסטלעכע, וואָס זאָלן באַשטעטיקן די עלילת־דם, אָבער אין דעם גייסט האָט קיינער נישט געוואָלט אויפֿטרעטן. ערשט דעמאָלט האָט מען געבראַכט צו פֿירן פֿון טאַשקענט אַן אַראָפּגעזעצטן פֿון אַמט קסיאָנדז פּראַנייטיס.

די פֿאַרטיידיקונג האָט אײַנגעלאַדן דעם געלערנטן טראָאיצקי,

וועמענס קעגן־עקספּערטיזע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. אין די יינגערע געריכטס־קרייזן האָט קאָראָלענקאָ געהערט אַזאַ אָפּשאַצונג: „ענדלעך האָט געגומען אַ וואָרט די רוסישע וויסנשאַפט".

גרוזענבערג דערציילט ווייטער, אַז די עקספּערטן האָט מען ווייניק באַצאָלט פאַר זייער טירחה. דער פאָרזיצער באָלדירעוו האָט געטענהט מיט ציניזם: עס איז ווייניק? טאָ פאָרט נישט אין זשידאָווסקע ענינים פון פּעטערבורג. איבעריקנס, דער קהל וועט שוין באַצאָלן. (דאָרט).

לויט דעם פאַראַנענעם אַרכיוו איז צו זען, אַז די מאַכט האָט גע־נומען אונטער פּאָליציאַישער אויפזיכט מענטשן, וואָס האָבן געשיקט צו בייליסן בריוו פון מיטגעפיל. דער גובערנאַטאָר גירס אַליין איז גע־ווען איבערצייגט, אַז מען וועט בייליסן באַפרייען און כדי דאָס זאָל נישט ווירקן אויף די וואַלן צו דער דומע האָט ער פאַרגעלייגט אָפּצו־רוקן דעם טערמין פון פּראָצעס.

די אמתע מערדער פון אַנדריישן זיינען געווען סינגאַיעווסקי און רודזינסקי. מען האָט זיי אַראָפּגעבראַכט ווי עדות פון דער קאַטאָרגע, אָבער דער פאָרזיצער באָלדירעוו און די באַשולדיקער וויפּפּער, זאַמיס־לאָווסקי און טשאַפּלינסקי האָבן זיך באַראָטן צי זאָל מען זיי בכלל פאַרהערן. לעת־עתה האָט מען די עדות פאַרהאַלטן אין פּאַסטאָוו, נישט ווייט פון קיעוו.

אין באַראַטונגס־צימער פון די געשווירענע ריכטער איז דער פאָר־טיער געווען אַן איבערגעטועענער זשאַנדאַר, וואָס פלעגט דעם פאָרזיצער דערטראָגן אַלץ, וואָס איז דאָרט געוואָרן גערעדט. עס זיינען אויך געשיקט געוואָרן צוויי דעלעגאַטן פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט: ליובימאָוו און דיאַ־טשענקאָ. זייער אויפגאַבע איז געווען צוצושטעלן באַריכטן וועגן פּראָ־צעס. אָט איז אַ קליינער ביישפּיל: „הגם קיין באַווייזן זיינען נישטאָ, דאָך וועט דער פינצטערער צוזאַמענשטעל פון די ריכטער אונטער דער השפּעה פון זייער שנאה צו יידן, פאַרמשפּטן בייליסן אויף אַן באַווייזן". (היינט, 7 מערץ 1934).

גרוזענבערג אַליין, פונקט ווי דער גובערנאַטאָר, איז נישט געווען זיכער צו דער פּראָצעס וועט פאָרקומען. אין מערץ נאָך שרייבט ער וועגן

דער מעגלעכקייט פון אַנולירן דעם פּראָצעס, אָבער דער קיעווער יוסטיץ־קרייז ווייסט נישט ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען פון ענין. (אָטשערקי).

גרוזענבערג ווייסט אויך צו דערציילן וועגן בראַשורן, וואָס די פּאָטשייעווער לאַווראַ פאַרעפנטלעכט „וועגן יינגל גבריאל דורך יידן פאַר־פייניקטן", וועמענס רעליקוויעס ווערן געוויזן אין סלוצק.

וועגן אויפרופן „שלאָגן די יידן", וואָס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן בעת דער לוויה פון אַנדריי יושטשינסקי האָט גערעדט דער פאַרטיידי־קער פון ביילסן מאַקלאַקאָוו אין אַרטיקלען אין דער מאָסקווער פּרעסע. מען האָט אים דערפאַר צוגעצויגן צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט און געמשפּט צוזאַמען מיט די רעדאַקטאָרן פון „רוסקיע וויעדאָ־מאָסטי" יעגאָראָוו און „רוסקאַיאַ מיסל" סטרוווע. דער משפּט איז צו שטאַנד געקומען אין 1915. מאַקלאַקאָוו האָט באַקומען צוויי חדשים תּפיסה, אָבער צוליב דער אַמנעסטיע איז ער נישט אָפּגעזעסן. (רוסקאַיאַ מיסל, 2־טער יולי 1970).

מאַקלאַקאָוו איז נישט געווען דער איינציקער, וועמען מען האָט געמשפּט אין שייכות מיטן ביילס־פּראָצעס. דער זעלבער גורל איז אויך אויסגעפאַלן אויפן חלק פון קאָראָלענקאָ, וועמען גרוזענבערג האָט פאַר־טיידיקט און אַזוי לאַנג אָפּגעשלעפּט דעם פּראָצעס ביז ס'איז אויסגע־בראָכן די רעוואָלוציע. (וזטשערא).

וואָס האָט מען פאָרגעוואָרפן קאָראָלענקאָ?

באַלד נאָכן באַפרייאונגס־אורטייל, דעם 28־טן אָקטאָבער 1913, האָט קאָראָלענקאָ אָפּגעדרוקט אין די צייטונגען „ריעטש" און „רוס. וויע־דאָמאָסטי" אַן אַרטיקל אד"ט „די הערן געשוווירענע בייזיצערס". אין דאָזיקן אַרטיקל דערציילט ער ווי אַזוי אַ ספּעציעלע קאָמיסיע האָט גע־פעלשט דעם צוזאַמענשטעל פון געריכט. די צייטונגען זיינען קאָנפיס־קירט געוואָרן צוליבן אַרטיקל. קאָראָלענקאָ האָט געהאָט, און געבראַכט באַווייזן אויף אַלץ. ער האָט געוואָלט פּראָוואָצירן אַ משפּט קעגן זיך, כדי צו באַשולדיקן עפנטלעך די רעגירונג.

די באַפרייאונג פון ביילסן האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. די גאַסן זיינען געווען פול מיט מענטשן. קאָראָלענקאָ האָט זיך קוים דורכ־

געשטופּט. די סטודענטן האָבן זיך געזאַמלט מאַסנווייז, דער טראַמוויי־פּאַרקער איז געוואָרן אָפּגעשטעלט, ס׳איז געוואָרן אַ געלאַף, אַ פּייפעריי פון פּאָליציי, שיער נישט אַ סקאַנדאַל. (קריווינסקאַיאַ; ווערק, ב. 10 בריוו צו דער שוועסטער פון 31־טן אָקט. 1913).

דער פּראָצעס האָט אַרויסגערופן אַן אויפטרייסלונג ביי אַ טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ וואָס איז געווען אין גאַנצן רוסיפיצירט, ווי למשל דער שוין דערמאָנטער פריינד און מיטאַרבעטער פון קאָראָלענקאָ, גאָרנפעלד. ער שרייבט צו קאָראָלענקאָ אַ בריוו, אין וועלכן ער גיט איבער די שטימונג זיינע, ווי מיר פאַרשטייען דאָס פון קאָראָלענקאָס ענטפער. קאָראָלענקאָ פאַרזיכערט אים, אַז אויפן באָדן פון נאַציאָנאַלער פראַגע קאָן צווישן זיי נישט זיין דער מינדסטער ספק. ער פאַרשטייט, וויפל פאַרביטערטקייט עס קאָן זיך אָנזאַמלען אין דער נשמה פון יעדן יידן, ווען ער קוקט זיך צו „צו דער דאָזיקער אָרגיע פון נידער־טרעכטיקייט און חיהשקייט", ווען די נשמה פון דאָזיקן יידן איז אפילו אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון רוסישע אידייען און רוסישער ליטעראַטור, הגם עס איז פאַראַן אַן אונטערשייד פון גלויבן. מען דאַרף זיך אָבער, שרייבט ווייטער קאָראָלענקאָ, נישט לאָזן באַאיינפלוסן פון דער דאָזיקער משוגעת ביז צו דערגיין צו וואַרפן ענלעכע חשדים... „איך פאַרשטיי ווי אַזוי עס טוט איך וויי. נו, און אונדז טוט נישט וויי?" (צו גאָרנפעלדן, 4־טן אָקטאָבער 1912).

די ביילים־אָפּערע האָט אויך געהאַט אָפּקלאַנגען אין אויסלאַנד. מיר באַגרענעצן זיך בלויז צו דער פראַנצייזישער צייטונג „ל׳הימאַניטע", וואָס איז געווען רעדאַקטירט דורך זשאָרעסן. מיר געפינען דעם 10־טן אָקטאָבער 1913 אַ ספּעציעלע ידיעה, פון וועלכער מיר דערוויסן זיך, אַז דער „בונד" האָט פּראָקלאַמירט פּראָטעסט־שטרייקן אין מערערע גרעסערע שטעט דעם טאָג, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס. אין וואַרשע האָבן געשטרייקט 20.000 אַרבעטער, אין גראָדנע 4.000 אין ווילנע 10.000, אין באָברויסק 4.000, אין מינסק 5.000 און אין ריגע 3.000.

עס ווערט אויך דערמאָנט אַ פּראָטעסט פון 700 רבנים.

אין דעם זעלבן נומער געפינט זיך אויך אַן אינטערוויו מיט קאָראָ־

לענקאָ פון דעם ספּעציעלן צייטונגס־קאָרעספּאָנדענט. מיר ציטירן אַ פּאָר זאַצן פון שרייבער: „מען מוז נישט זיין אַ פילאָסעמיט, כדי צו זיין אי־בערצייגט אין ביילִיסעס אומשולד. אָט־די איבערצייגונג האָט לוקיאַ־נאָווקאַ, ווו ביילִיס האָט געוווינט... וועמען דינט דאָס? ווער קאָן גע־ניסן פון דער דאָזיקער פּאָליטיק, וואָס באַשטייט אין שליידערן ברענענ־דיקע פאַקלען אין פייער פון ראַסן־שנאה, אָנשטאָט צו באַרואיקן דאָס לאַנד", און ער גיט צו אויך דייטש: „קעגן טפשות קעמפן אומזיסט די געטער אַליין".

דעם 20־סטן אָקטאָבער געפינען מיר אין דער צייטונג אַן אַר־טיקל „קאָראָלענקאָ וויל פּאַרטיידיקן ביילִיסן" מיט אַ פּאַטאָ פון רוסישן שרייבער. דער קאָרעספּאָנדענט אינפאָרמירט, אַז דער גרעסטער רוסי־שער שרייבער פון זיין צייט זאָל האָבן געשיקט אַ בריוו צום פּרעזי־דענט פון טריבונאַל אין קיעוו, איז וועלכן ער דריקט אויס זיין ווילן צו זיין אַן עדות אויפן משפט. דאָס לאָזט טראַכטן, אַז די רעגירונג, דער הייליקער סינאָד און די רעאַקציאָנערע ערד־באַזיצער האָבן זיך אָנגעגע־זעצט אויף אַן אומשולדיקן, כדי אָנצוהייבן אַ תקופה פון פּאָגראָמען אין אַזאַ מאָס, אַז קאָראָלענקאָ האַלט פאַר נישט גענוגנדיק די רעדעס פון די גרעסטע אַדוואָקאַטן ווי גרוזענבערג, קאַראַבטשעווסקי, מאַקלאַקאָוו און זאַרודני. דער מחבר פון „אָפענעם בריוו צו פּילאַנאַוון" וויל פּערזענ־לעך זיך אויסטענהן פּנים אל פּנים מיט די צוועלף פּויערים, וועמען די פאַרברעכערישע רעגירונג האָט אָנפאַרטרויט די מיסיע זיך אַרויס־צוזאָגן נישט בלויז וועגן דער שולד פון אַ יחיד, נאָר אויך פון דער גאַנ־צער יידישער ראַסע, וואָס זי וויל פאַר יעדן פּרייז אומברענגען...

„פּילנדיק די געפאַר, וואָס הענגט איבערן רוסישן פאָלק מצד דער רעאַקציע, וואָס וויל אין אָקטאָבער 1913 זיך נוקם זיין פאַרן אָקטאָבער 1905, וואַרפט זיך קאָראָלענקאָ מיט זיין אייגנטימלעכן מוט אין קאַמף, כדי צו ראַטעווען קודם־כל די אומשולדיקע פּויערים פון שרעקלעכן פאַרברעך, אין וועלכן מען וויל זיי אַריינשלעפּן, אויסשטעלנדיק אויף זייער אומוויסן".

די צייטונג גיט אויך איבער באַריכטן פון די רעדעס, וואָס די אַד־וואָקאַטן האַלטן. קאָראָלענקאָ האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז מיט דער

פאַרטיידיקונג. ער האָט אויך פונאַנדערגעוויקלט אַ ברייטע זשורנאַליס־טישע טעטיקייט: בעת און נאָך דעם פּראָצעס האָט ער פאַרעפנטלעכט פופצן אַרטיקלען וועגן אים. אין דעם שוין דערמאָנטן אַרטיקל „די הערן געשווירענע...“ שטרייכט ער אונטער מיט פאַרביטערונג און איראָניע דעם צוזאַמענשטעל: קיעוו, אַ שטאָט פון אַן אוניווערסיטעט, טעאַטערס און אַנדערע קולטור־אינסטיטוציעס מיט געלערנטע, שרייבער, אַרטיסטן האָט נישט געפונען קיין בעסערן פאַרשטייער פאַרן געריכט ווי אָט דעם האַלב־אינטעליגענט, דעם אָנגעשטעלטן פון שטייעראַמט? און די עט־לעכע דאָרפסלייט?

אין אַן אַנדער אַרטיקל „ביילים און די מולטאַנער“, וואָס איז אַריינ־געקומען אין דער זאַמלונג פון זיינע ווערק, באַשולדיקט ער דעם פּראָ־קוראָר, וואָס האָט נישט רעספּעקטירט דעם פּסק־דין פון מולטאַנער פּראָצעס און אויפן ביילים־פּראָצעס כּסדר זיך פאַררופן אויף די מול־טאַנער, ווי אויף די, וואָס ברענגען מענטשלעכע קרבנות.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז בעת דער פּראָקוראָר פון מולטאַנער פּראָצעס האָט אָנגעהויבן זיין באַשולדיקונגס־רעדע פון די ווערטער: עס איז באַוווּסט, אַז די יידן געברויכן קריסטלעך בלוט פאַר פּסחדיקע מצות“, האָט דער פּראָקוראָר אין ביילים־פּראָצעס געזאָגט: עס איז באַוווּסט, אַז די מולטאַנער וואָטיאַקעס האָבן געבראַכט אַ מענטש פאַר אַ קרבן“. קאָראָלענקאָ רופט אָן די נייגונג צו עלילת־דם מיט אַ לאַטיי־נישן נאָמען: „מאַניאַ ריטואַליס“ (ריטועלע משוגעת), ער באַטראַכט זי פאַר אַ קראַנקייט, וואָס איז פּעאיק אַרויפצופירן אויף די סאַמע באַאומ־רואיקנדיקע געדאַנקען.

דער קאַמף מיט דער דאָזיקער קראַנקייט איז ביי קאָראָלענקאָ נישט קיין צופאַל.

נאָך אין יאָר 1908 האָט ער געשריבן: „די דאָזיקע אויפגאַבע — צו פאַרטיידיקן כאָטש אין דער צוקונפט דאָס יידישע יינגל מיט די שוואַר־צע אויגן פון דעם שוידער צו ליגן, כלומרשט ווי אַ מת, צווישן די פאַר־פייניקטע גופים פון זיינע אייגענע, באַציט זיך אויך צו די רוסישע יינגלעך — צו פאַרטיידיקן זיי פון ווילדקייט און חיהשקייט...“ (אַלע ווערק, ב. 9, ז. 287).

קאָראָלענקאָ איז געווען אַן אַדרעס, צו וועמען מען האָט געשריבן און געבעטן ער זאָל זיך אָננעמען פאַר די יידישע קריוודעס. ער האָט וועגן דעם באַקומען זייער פיל בריוו.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אין יאָר 1916 האָט די „פּאַריזער יידישע וואָך” אויסגעדריקט איר אומרו צוליב דעם מצב פון די יידן אין רוסלאַנד, און ווי אַן אַרגומענט אָנגעגעבן, אַז קאָראָלענקאָ ווערט אין גיכן געשטעלט פאַרן געריכט צוליב אַן אַרטיקל אין שייכות מיטן בייליס־פּראָצעס, וווּ ער ווייזט אָן אויף דעם נישט ערלעכן צונויפֿשטעל פון די געשווירענע ריכטער. די באַשולדיקונג געפינט, אַז דער אַרטיקל „פאַרשפרייט פאַלשע קלאַנגען קעגן דער רעגירונג”. (גריס).

דער „פּאַרראַט״ אין מאַריאַמפּאָל

אין „בוך פון לעבן״ באַשרייבט דובנאָוו אַ באַזוך פון „העלד פון מאַריאַמפּאָל, דער מאַרטירער גערשאַנאָוויטש, וואָס איז געווען באַשול־דיקט צו זיין אַ גערמאַנאָפיל אַלס בירגערמייסטער בעת דער דייטשער אָקופּאַציע און וואָס איז אָפּגעקומען אַ יאָר מיט צען חדשים אויף קאַ־טאָרגע ביז דאָס העכסטע קריגס־געריכט האָט אויף דאָס ניי באַטראַכט זיין ענין און געפונען אַז ער איז אומשולדיק.

„אַ הויכער, שיינער זקן האָט ער מיר דערציילט וועגן זיין לעבן אין דער יאַראָסלאַווער קאַטאָרזשנער תפיסה צוזאַמען מיטן פאַרמשפּטן קאָ־מענדאַנט פון קאָוונע, דעם מערדער פון יידן...

ער האָט זיך אָראָפּגערעדט פון האַרצן, מיר האָבן זיך צעקושט און ער איז אַוועקגעגאַנגען. (דובנאָוו, ב. 2, ז. 211).

ווער איז געווען גערשאַנאָוויטש און פאַר וואָס האָט מען אים גע־שטעלט פאַרן קריגס־געריכט?

דאָס איז געווען אין אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. די דייטשן האָבן אָקופּירט אין דער געגנט פון סוואַלק דאָס שטעטל מאַריאַמ־פּאָל וואָס געפינט זיך האַרט ביי דער רוסיש־דייטשער גרענעץ, אין היינטיקן פּוילן. דאָס שטעטל איז געווען באַוווינט דורך יידן און פּאָליאַקן. די אָקופּאַציע־מאַכט האָט אין הסכם מיט דער האַגער קאָנווענץ אָרגאַ־ניזירט וואַלן פון אַ שטאָט־רעפּרעזענטאַנץ, מיט וועלכער זי זאָל זיך קאָנען פאַרשטענדיקן. ווי אַ בירגערמייסטער ווערט באַשטימט י. גער־שאַנאָוויטש, אַ ייד, און ווי זיין געהילף אַ פּאָליאַק מיטן נאָמען באַרטלינג.

צוויי וואָכן האָבן געהערשט די דייטשן. די רוסן האָבן זיי פאַרטריבן און צוריק פאַרנומען מאַריאַמפּאָל. אַ מסור האָט באַשולדיקט די יידישע באַ־

פעלקערונג אין פאַרראַט. זיי זאָלן כלומרשט האָבן מיט פרייד אויפגענו־מען די דייטשן, זיי אָנגעוויזן אויף רוסישע הייזער צום רויבן, געמאַכט באַהעלטעניש, ווּהין יידישע סאָלדאַטן האָבן געבראַכט געווער. יידישע סטודענטן מיט דייטשע בענד אויף די אָרעמס זאָלן האָבן פאַרשפּרייט אַנטי־רוסישע אויפרופן; באַרטלינג איז אַנטקעגנגעגאַנגען די דייטשן מיט אַ ווייסער פאָן; גערשאַנאָוויטש און באַרטלינג האָבן געטריי געדינט די דייטשן און גערשאַנאָוויטש האָט אַפילו אָנגעפירט מיט רעקוויזיציעס פון בהמות פאַרן דייטשן מיליטער.

די באַשולדיקונג איז געוואָרן אונטערשטיצט דורך צוויי עדות: איינער פון זיי איז געווען דער מסור ביירַאשעווסקי און דער צווייטער אַ געוויסער פענטשילאַ, וואָס האָט נישט געהאַט וואָס צו זאָגן. דאָס קריגס־געריכט האָט דעם פּאָליאַק באַפרייט און גערשאַנאָוויטשן פאַרמשפּט צו אַכט יאָר קאַטאָרגע.

דער פּסק־דין האָט געהאַט אַ פּרינציפּיעלן כאַראַקטער. קאָראָלענקאָ — דערציילט זיין טאָכטער — האָט געזען אין דעם אַן אורטייל קעגן **אַלע** יידן פון איין שטאָט, און פאַר וואָס נישט אויך פון אַנדערע שטעט? דאָס פאַרמשפּטן יידן, נאָר ווייל זיי זיינען יידן האָט קאָראָלענקאָ רע־וואָלטירט. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס וואָס די יידן ליידן איצט אין רוסלאַנד איז אַ חרפּה פאַרן לאַנד און „פאַר מיר איז דאָס נישט קיין יידן־פראַגע נאָר אַ רוסן־פראַגע" („קניגאַ אָב אָטצע". זי ציטירט דעם פאָטערס אַרטיקל וועגן דאָזיקן ענין).

קאָראָלענקאָ האָט ווי זיין שטייגער, גענומען קעמפן פאַר יושר. ער האָט זיך דערשלאָגן אַ רעוויזיע פון פּראָצעס, וואָס האָט פעסטגעשטעלט די אומשולד פון גערשאַנאָוויטשן און געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז גראָד דעם מסור אַליין איז געווען אַ דייטשער שפּיאָן.

אין דערמאָנטן אַרטיקל שרייבט קאָראָלענקאָ, אַז לויטן בילד וואָס ביירַאשעווסקי האָט אָנגעצייכנט קומט אויס צו באַטראַכטן יעדן יידן פאַר אַ פאַררעטער. אַזוי איז אויך אויסגעקומען לויטן פּסק־דין פון רוסישן קריגסגעריכט. „עס קומט אַריין גאַרדיי — שרייבט קאָראָלענקאָ וועגן עדות, וואָס דערשיינט אין העכסטן קריגס־געריכט — און אַנשטאָט אַ פאַררעטער, באַגעגנט ער גערשאַנאָוויטשן ווי אַ רעטער".

„... גאַרדיי, וועמען, פאַרשטייט זיך, גאַנץ מאַריאַמפּאָל האָט געקענט, פאַרבלייבט אין שטאָט בעת דער פּרייסישער אָקופּאַציע און קיינער האָט אים נישט געמסרט, נישט מחמת מורא, נישט צוליב אַ נוצן. אין דער שטאָט, אין וועלכער די גאַנצע באַפעלקערונג איז געשילדערט געוואָרן ווי אַ פאַררעטערישע, האָט זיך אין דער אמתן נישט געפונען ווי איין מסור...

געוויס האָט דער אַלטער גערשאַנאָוויטש נישט געפלאַקערט די גאַנצע צייט מיט דערהויבענע געפילן פון איבערגעגעבנקייט צו זיין חוב, ווי דאָס ווערט אַזוי עפעקטפול באַשריבן אין די מעלאָדראַמעס. ער איז געווען גאַנץ פּשוט אַן אַלטער, ערלעכער ייד, פאַר וועמען זיינע מיט־בירגער האָבן געהאַט דרך־ארץ און וואָס האָט כמעט קעגן זיין ווילן גענומען אויף זיך אין אַ שווערער צייט צו דינען זיין שטאָט און זיין לאַנד. און ווען דאָס געריכט זאָל געווען האָבן צייט צו פאַרהערן כאָטש נאָך איין עדות, דעם רוסישן אונטעראָפיציר גאַרדיי, וואָלט זיך גאַנץ רוס־לאַנד געווען דערוווּסט פון דעם פּראָצעס, אַז דער אָרעמער אַלטער ייד האָט מיט כבוד אויסגעפילט זיין פליכט, אויסדריקנדיק דערביי אויפ־ריכטיק די שטימונג און דעם ווילן פון זיינע בירגער און אַז ער פערזענ־לעך און די גאַנצע באַפעלקערונג פון מאַריאַמפּאָל האָט פאַרדינט אַ בעסערע באַלוינונג ווי קאַטאָרגע און אַ חרפּה פון אַ באַשולדיקונג קעגן אַ גאַנץ פאָלק.

וויפל ליידן האָבן געהאַט אויסצושטיין אין דער שווערער צייט גער־שאַנאָוויטש און זיין משפחה? די דאָזיקע פראַגע פאַרלירט אַפילו איר ווערט אין פאַרגלייך מיט אַנדערע, וואָס שטעלן זיך, נישט ווילנדיק, און טרייסלען אויף דאָס געוויסן: טויזנטער טראַגעדיעס, וויפל מענטשלעכע לעבנס אומגעקומענע — פרויען, זקנים און קינדער — צווישן די פּליטים־מאַסן, וואָס ווערן פאַריאָגט פון זייערע היימען צוליב פאַראורטיילן און מסירות, און ווערן געטריבן אין דער פרעמד אַנטקעגן נייע פאַראור־טיילן און מסירות...״ („יעוו. נעדעליאַ״, סעפּט. 1916).

אָט־די דאָזיקע ווערטער אַרויסגעבראַכטע אין דער צייט פון אַ מלחמה גיבן אַ מאָס פון קאָראָלענקאָס מוט און דרייסטקייט אין קאַמף פאַר מענטשלעכער גערעכטיקייט און פאַר רעכט פון מענטשן.

יידישע טעמעס אין קאָראָלענקאָס שאַפונג

מיר האָבן אין לויף פון דעם דאָזיקן עסיי שוין דערמאָנט פאַר־שיידענע שאַפונגען פון קאָראָלענקאָ און זייער שייכות מיט זיין לעבן און אַקטיוויקייט. עס וואָלט אָבער געווען נישט יושרדיק נישט אָפּצוגעבן אָרט פאַר ליטעראַרישע טעמעס, ווו דער יידישער עלעמענט איז דער דאָמינירנדיקער.

מיר קלייבן אויס עטלעכע דערציילונגען, ווו דער סיפּור־המעשה אַליין כאַראַקטעריזירט שוין גענוג דעם מחברס איינשטעלונג צו יידן און צו יידישע פּראָבלעמען.

אין אַן עסקיז „ביינאַכט" ווערט דערמאָנט אַ לעגענדע, וואָס זאָגט, אַז יום־כּיפּור ביינאַכט קומט אַ כאַפּון (אַ מין שד) און פאַרשלעפּט אַ יידן, איבער וועלכן ער האָט אַ שליטה נאָר די־אָ איינציקע נאַכט אין יאָר. אויב ער באַגעגנט אויף זיין וועג אַ נישט־יידן און יענער רופט אויס: לאַז אָפּ, ער געהערט צו מיר" — מוז ער דעם יידן אָפּלאָזן. דער ייד קאָן זיך אויף אַזאַ אופן ראַטעווען. ער קאָן אָבער ביי דער געלעגנהייט צע־ברעכן אַ פוס אָדער אַן אַנדערן אבר, אָפּהענגיק דערפון, פון וועלכער הייך דער כאַפּון וועט אים אַרויסלאָזן פון זיין האַנט.

די דערמאָנטע גלויבונג איז געוואָרן אַ באַזע פאַר דער דערציילונג אד"ט „סודני דען" (יום־כּפּור).

דער כאַפּון האָט אין דער נאַכט פון יום־כּיפּור אויסגעקליבן פאַר אַ קרבן דעם יידישן קרעטשמער יאַנקל. זיין אָרט אין דאָרף פאַרנעמט איצט דער מילנער פּיליפּ, וואָס איז געווען פאַרן דאָרף פיל ערגער איידער יאַנקל.

קאַראָלענקאָ שילדערט מיט סימפּאַטיע און מיטגעפיל, ווי יאַנקלס פרוי שרה פאַרלאָזט דאָס דאָרף צוזאַמען מיט אירע קינדער. ער גלייבט, אַז אין שטאָט וועט זיך די עדה יידן אויף איר מרחם זיין, ווייל ביי יידן לאָזט נישט איין ייד פאַלן אַ צווייטן.

די געשטאַלט פון יאַנקלען רופט אַרויס סימפּאַטיע, ווייל ער איז געווען געגוג קלוג אויף זיך צוצופּאַסן צו די אומשטענדן. דער מילנער האָט באַריסן די קליענטן און פון אים האָבן די פּויערים געהאַט אויס־צושטיין פיל מער צרות ווי פון יאַנקלען.

איך דערצייל נישט דעם דיאַלאָג צווישן יאַנקלען און דעם כאַפּון און לאָז אַדורך די פּעריפּעטיעס זיינע ביז ער האָט זיך ענדלעך אָפּגעראַטעוועט. עס איז נאָר אינטערעסאַנט דאָ איבערצוגעבן ווי אַ „קאָמענטאַר" פון מחבר צו די פּערסאָנאַזשן פון יאַנקלען און פיליפּן אַן אויסצוג פון זיין רעפּאָרטאַזש „פּאַוולאָווער סקיצן", ווו עס איז פאַראַן אַן ענלעכע סיטואַ־ציע: די פּויערים האָבן געבעטן, אַז די מאַכט זאָל פאַרטרייבן פון דאָרף אַ יידישן הענדלער, וועלכער נוצט כלומרשט אויס די אַרטיקע באַפּעל־קערונג. דער עיקר די בעלי־מלאכהס. זיי האָבן דערגרייכט זייער ציל. אין אַ צייט אַרום קומען די בעלי־מלאכהס בעטן מען זאָל צוריקרופן דעם יידן. און אָט באַגעגנט קאָראָלענקאָ איינעם אַ בעל־מלאכה און פרעגט אים צווישן אַנדערן:

— נאָך וואָס דאַרפסטו דעם יידן?

— זעסט, מען האָט זיי פון פּאַוולאָוואָ פאַריאָגט, זיי זאָלן דאָ בכלל נישט פירן קיין מסחר. און אָט איצט ווייזט מען נאָכן ייד! ער — דער ייד, צוליב צוויי פּראָצענט וועט ער צופוס לויפן צען וויאָרסט, אָבער די אַנדערע לייט דערלאַנג פופצן פּראָצענט ווייל מיר (ד"ה קריסטן, נ. ג.) מוזן פאָרן אין אַ פערד־געשפּאַן. (ווערק, ב. 9, ז. 13).

אין אָט דער קורצער כאַראַקטעריסטיק געפינען מיר דעם גאַנצן אמת וועגן דער שפּלדיקער לאַגע פון די יידן, וואָס אויף צו קאָנען עקסיס־טירן און אויסהאַלטן זייערע משפחות, צו וועלכע זיי זיינען שטאַרק צוגעבונדן, האָבן זיי זיך באַפרידיקט מיט אַ שיבוש און אויסגענוצט זייערע אינטעלעקטועלע פעאיקייטן, כדי זיך צוצופּאַסן צו די באַדינגונ־

גען און אומשטענדן, אין וועלכע ס'איז זיי אויסגעקומען צו לעבן. קאַראַלענקאָ האָט דאָס גוט פאַרשטאַנען. די דיסקרימינאַציע פון יידן האָט אים אויפגעבראַכט און ער האָט געפונען אין זיינע דערציילונגען שטענדיק אַ זכות פאַר יידן.

אַ ריין יידישע טעמע דינט אים פאַר אַ מיטל אויסצודריקן זיין פילאָזאָפישן אֲני מאמין, זיין קוק אויף געשיכטע און זיין אָפּשאַצונג פון מאָראַלישע ווערטן ביי מענטשן.

מיר נעמען די „דערציילונג וועגן פלאָרוס, אַגריפּפּאַ און מנחם בן יהודה״. די געשיכטע פאַרלויפט זיך אין די צייטן פון רוימישן קיסר נעראָן. עס קומט פאַר אַ קאַמף צווישן די רייכע יידן און כהנים פון איין זייט און די פּאַטריאָטן אונטער דער פירערשאַפט פון מנחם בן־הודה, פון דער אַנדערער זייט.

פלאָרוס, דער רוימישער פאַרשטייער, איז אַ טיפּ פון אַ טיראַן, אַן „אויבערמענטש״. אַגריפּפּאַ שטעלט מיט זיך פאָר אַ קנעכטישן טיפּ, וואָס האַלט פון בייגן דעם קאָפּ פאַרן שטאַרקערן און זעט אין דער הכנעה אַ העכערע לעבנס־חכמה. מנחם איז אַ ווידערשטענדלער, וואָס פאַרטראָגט נישט די קנעכטשאַפט. ער דערציילט זיינע תלמידים אַן אגדה ווי אַזוי דער מלאך פון „נישט־וויסן דאָס בייז״ ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מלאך פון „גרויסן טרויער״. דער מחבר ווייזט אַן ווי דאָס נישט־וויסן פאַרדעקט דאָס בייז פון דער וועלט, בעת דאָס טרויעריקע פאַרשטיין, הגם עס עפנט די ווונדן פון דער נשמה, פירט עס אָבער צום גובר זיין דאָס בייז. און נאָר דאָס איז דער איינציקער וועג צום קאַמף מיט די אונטערדריקער און צו פאַרטיידיקן די שוואַכע. דורכן מויל פון מנחמען הערן מיר די תפילה פון קאָראָלענקאָ: „לאָמיר קיין מאָל נישט פאַרגעסן, כל זמן מיר לעבן, דעם אָנזאָג פון קאַמף פאַרן אמת. לאָמיר קיין מאָל נישט זאָגן: בעסער מיר זאָלן זיך אַליין ראַטעווען איבערלאָזנדיק אָן שוץ די שוואַכערע. זאָל ווי איין קלאַפּ אונדזערער נישט זיין געווענדעט קעגן אַן אומשולדיקן אין אַ געוואַלד־אַקט. זאָלן מיר קיין מאָל נישט אויפהייבן די האַנט קעגן אַ הייליקטום פון פרעמדע מזבחות, האָבנדיק אין זין ווי מ'האָט מחלל געווען אונדזערע. זאָלן אונדזערערע מחשבות איינהאַלטן אַ קלאָרקייט, כדי מיר זאָלן ווענדן אונדזערע טריט אויפן וועג פון אמת,

און די שלעג פון אונדזערע הענט — אויף צו באַשיצן און נישט אויף אונטערדריקן".

כאַראַקטעריסטיש איז דער דיאַלאָג צווישן די פאָרשטייער פון די סוחרים, וואָס בייגן דעם קאָפּ פאַרן רוימישן מושל און מנחמען.

„מתתיהו און זכריה זאָגן:

— אַגריפּפּאַ איז גערעכט און דו מיט די דייניקע זייעט אומגליק. דיין פאָטער איז געפאַלן אין שלאַכט און האָט אויך אומגעבראַכט אונדזערע טאַטעס, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שייכות צום בונט, און איצט ווילסטו דורך אַ בונט אויך אונדז אומברענגען. דו ציטערסט נישט פאַר דיין לעבן, ווייל דו פאַרמאָגסט גאָרנישט און מיר — דאָס לעבן איז אונדז טייער. זייזשע גערעכט, מנחם דער חכם, דער זון פון געפאַלענעם יהודה.

— מיין פאָטער איז געפאַלן און אייערע פאָטערס זיינען געפאַלן: מיינער מיט געווער אין האַנט, אייערע — זיינען דערמאָרדעט געוואָרן דורך צוווילדעוועטע זיגערס. אין תוך גענומען, זאָג איך אייך, האָט נישט מיין פאָטער דערפירט צום טויט פון אייערע פאָטערס, נייערט זיי האָבן אומגעבראַכט דעם מוטיקן יהודה.

— ווי אַזוי? — האָבן געפרעגט די סוחרים.

מנחם האָט געענטפערט:

— יהודה האָט געטאָן זיין חוב, זיך קעגנשטעלנדיק די מעשים־תעתועים פון די דעראָבערער. אַזוי האָבן געהאַנדלט די דרייסטסטע מענער פון אַלע פעלקער ווי פאַרטער, נומידער, מוירען. און ווען אַלע וואָלטן דערפילט זייער חוב, וואָלט רוים נישט געהאַט די העזה זיך אויסצושפרייטן איבער אירע געביטן און אויף דער ערד וואָלט געהערשט שלום און די ערד וואָלט נישט געקרעכצט אונטער אַ יאָך. און מיין פאָטער וואָלט געבליבן לעבן. אָבער אייערע פאָטערס פונקט ווי די פּחדנים פון אַנדערע פעלקער האָבן געלאָזט זייערע פאַרטיידיקער אָן הילף און זיי זיינען אומגעקומען און אונדז, די זין פון יענע מענער, איז געבליבן די חרפּה פון קנעכטשאַפט. אָט דאָס איז מיין ענטפער אייך, סוחרים. גייט זיך!

די דערציילונג איז געווען געשריבן אין יאָר 1886. לויטן סטיל און אינהאַלט טראָגט זי אַן אַלעגאָרישן כאַראַקטער און שפּיגלט אָפּ, אַ קאַמף, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפירט אין דער רוסישער געזעלשאַפט, ווי די רעוואָלוציאָנערן פון די 70 ער יאָרן זיינען אויפגעשטאַנען קעגן דער טיראַניע פון צאַרישן רעזשים.

אין דער תפילה פון מנחמען געפינען מיר אַ „שליסל כמעט צו דער גאַנצער שאַפונג פון קאָראָלענקאָ. אַלץ וואָס ער האָט דורכגעפירט אין זיינע דערציילונגען געפינט זיך שוין דאָ אין אַ קאָנדענסירטער פאָרעם". (סאַווין).

די דערציילונג וועגן פלאָרוסן האָט געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין דער יידישער וועלט. נאָך אין 19־טן י. ה. ווערט זי איבערגעזעצט אויף העברעאיש אד"ט „מנחם בן יהודה" (וואַרשע, תושיה). אויף יידיש האָט די איבערזעצונג געמאַכט דער היסטאָריקער פון דער יידישער ליטעראַטור ישראל צינבערג.

די דאָזיקע פאַראינטערעסירונג איז פאַרשטענדלעך. דער סוף פון 19־טן יאָרהונדערט גיט דעם אָנהייב דער נאַציאָנאַלער ווי אויך דער נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון יידישן ארבעטער, וועלכער האָט אין אַ געוויסער מאָס געשעפּט זיין אינספּיראַציע ווי אויך דערפאַרונג און דערמוטיקונג פון דער רוסישער רעוואָלוציענערער באַוועגונג.

די „דערציילונג" האָט אויך געהאַט אַנדערע אויסקלאַנגען אין דער רוסישער ליטעראַטור...

קודם־כל לאָמיר הערן וואָס קאָראָלענקאָ אַליין זאָגט וועגן זיין שאַפונג. אין אַ בריוו צו זשורינען פון מערץ 1917 לייענען מיר:

„אויב איר האָט געלייענט מיין דערציילונג... וועגן פלאָרוסן און מנחמען... האָט איר אַוודאי באַמערקט אַז פון סאַמע אָנהייב פון מיין ליטעראַרישער טעטיקייט איז מיין שטאַנדפּונקט געווען דער היפוך פון טאָלסטאָי'ס... דאָרט (אין דער דערציילונג) איז פאַראַן אַזאַ אָרט: די יידן, אונטער דער השפעה פון פּחדנישע כהנים מאַכן שלום מיט דער אַלץ וואַקסנדיקער אונטערדריקונג פון די רוימער. בלויז דער אָפּטייל פון די אדומים, מיט זייער פירער, מאַרשירט אַדורך שטאָלץ צווישן די רוימער

ווי אַ לייב צווישן הינט. די רוימער רוקן זיך אָפּ אין אַ זייט און די יונגע גאַליליייער, מיט בלאַנקנדיקע שפּיזן, קוקן אויף די רוימער מיט אומ־דערשראָקענע אויגן, גרייט צום קאַמף. און ווען זיי מאַרשירן פאַרביי דעם רוימישן לאַגער, רופט זיי נאָך דער אַלטער אַאולוס קאַטולוס:

— אַ גרוס די שטאַרקע, דרך־ארץ פאַרן זון פון יהודה!

...די ליבע צו גערעכטיקייט באַגריסט דעם ווידערשטאַנד קעגן אָפּענער געוואַלד. און די־אָ מיינונג מיינע האָב איך נישט געביטן". (ווערק, ב. 10, ז. 558).

כדי עס זאָל זיין מער קלאָר גיבן מיר צו, אַז אאולוס קאַטולוס איז געווען אויך אַ רוימער, אָבער אַ קעגנער פון „פאַשיסטישע" — ווי מיר וואָלטן היינט געזאָגט — מעטאָדן.

די רוסישע ליטעראַטור־קריטיק האָט זיך געשטעלט די פראַגע, צי מיט זיין לויב פאַר קראַפט און דרייסטקייטביישטייערט נישט קאָראָלענקאָ צו שאַפן אַ „קולט פאַר העלדן" און אַנטקעגנצושטעלן די שטאַלצע פער־זענלעכקייט דער גרויער מאַסע.

אויף דעם געפינען מיר אַן ענטפער ביי לונאַטשאַרסקין, וועלכער ווייזט אָן ווי ווייט פון ניטשעס מאָראַל ס'איז די מאָראַל פון מנחמען. מנחם איז נישט קיין שקלאַף. יעדער געדאַנק פון זיין אונטעראַקט איז אים פרעמד. די שקלאַפישע הויפּט־מעלה, אונטערטעניקייט, איז אים אָרגאַניש דערווידער. ער איז אָבער אויך נישט אַ „האַר", וואָס איז פעאיק צו באַפעסטיקן זיין אייגענע גרויסקייט אויף די ביינער פון זיינע נאָענטע.

לונאַטשאַרסקי פאַררופט זיך ווייטער אויף העגעלס „פענאָמענאָלאָ־גיע פון גייסט", וווּ עס ווערט פעסטגעשטעלט דאָס געזעץ פון „האַר", וועלכער שטיצט זיך אָדער אויף טעראָר אָדער אויף געקויפטע שקלאַפן, און קומט צום אויספיר, אַז מנחם באַזיצט די מאָראַל פון אַ פרייען מענטשן. ער קעמפט נישט פאַר זיך אַליין, נישט כדי זיך צו דערהייבן איבער אַנדערע, נישט צוליב מאַטעריעלן נוצן, — אים באַוועגט אַ טיפע מענטשן־ליבע, אַ געפיל פון צאָרן מחמת די ליידן פון די נאָענטע און דעם יאָך

פון פאָלק, וואָס בילדעט פאַר אים נישט אַ שטאָפּל צו דער מאַכט נאָר אַ קוואַל פון באַגייסטערונג. (לויט גריגאָריעוו ז. 112/111).

מיר האָבן דערמאָנט דעם נאָמען פון טאָלסטאָי, מיט וועמען קאָראָ־לענקאָ האָט פּאָלעמיזירט אויף אַ ליטעראַרישן אופן. בעת טאָלסטאָי רוקט אַרויס אַ טעזע פון נישט אַנטקעגנשטעלן זיך ווי אַ מיטל צו איבער־דערציען די אויפצווינגער, רוקט קאָראָלענקאָ אַרויס אַן אַנדערע מיינונג וועגן דערציערישער ווירקונג פון ווידערשטאַנד און באַוואָפנטן קאַמף. דער געדאַנק קומט בולט אַרויס אין דער סצענע, ווען די רוימישע סאָל־דאַטן זעען זייערע חברים געפאַלענע אין קאַמף מיט מנחמס מענטשן און הייבן אָן זיך צו בונטעווען קעגן אייגענעם פירער פלאָרוס זאָגנדיק צו אים: „אין איצטיקן מאָמענט פאָלגן מיר דיך נאָך, אָבער זיי וויסן, גרוי־זאַמער מאַן, אַז מיר וועלן דיך אָנקלאָגן פאַרן סענאַט. זע — אונדזער בלוט און בלוט פון די יידן, פאַרגאָסן צוליב דיין שולד, שרייט צום הימל".

דאָס זיינען געווען רייד פון עטלעכע קלאָרזעעוודיקע, וואָס האָבן אָבער באַקומען אַ באַטייט, און די חוצפּהדיקע יונגאַטשעס, וואָס האָבן גע־האַלטן פון פלאָרוסן האָבן געשוויגן. דעריבער איז די מערהייט געווען מער גענייגט צו די קלאָרזעעוודיקע. (ביאַלי ז. 101־102).

אַזוי אַרום, שטעלנדיק זיך אויף טאָלסטאָיס ראַציאָנאַליסטישער פּאָ־זיציע, אַז „עס לוינט זיך נישט" קעגנצושטעלן, באַווייזט קאָראָלענקאָ דעם היפוך.

נאָך דעם ווי מיר האָבן איבערגעלעבט די היטלער־תקופה און אונדזער דערפאַרונג האָט זיך באַרייכערט מיט די געשעעענישן פון די לעצטע יאָרן אין אונדזער נאַציאָנאַלער געשיכטע, שאַצן מיר ערשט אָפּ די טיפקייט פון קאָראָלענקאָס פילאָסאָפיש־געזעלשאַפטלעכער אויפ־פאַסונג פון מאָראַל, פון נאַציאָנאַלן געפיל און מענטשלעכער ווערדע.

ווי אַ צווייטן ביישפּיל פון אַ דערציילונג, וווּ די באַציאונג צום מענטשן ווערט אויסגעדריקט אויף אַ בולטן און קינסטלערישן אופן און גראָד אין שייכות מיט יידן איז „די מיינונג פון מיסטער דזשעקסאָן וועגן דער יידן־פראַגע".

אין יאָר 1916 דערשיינט אָן אויסגאַבע אד'ט „שטשיט" (פּאַנצער).

די רעדאַקציע איז באַשטאַנען פון מאַקסים גאָרקי, לעאָניד אַנדרייעוו און פיאָדאָר סאָלאָגוב. איר ציל איז געווען צו פאַרעפנטלעכן שאַפונגען, וואָס זאָלן בעסער אויפקלערן דעם מצב פון די יידן. די זאַמלונג האָט אויך געהאַט פאַר אַ ציל צו דינען די גערעכטע פאָדערונגען פון יידישן פאָלק.

מיר טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז דאָס איז די צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, בעת וועלכער מען האָט געגרודפט יידן ווי גערמאַנאָפילן און ווען ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט די טראַגעדיע גערשאַנאָוויטש. פאַרבעטן צו באַטייליקן זיך אין דער זאַמלונג, האָט קאָראָלענקאָ צוגעשיקט די דערמאָנטע דערציילונג. עס איז כדאַי צו דערמאָנען, אַז עס האָבן זיך נאָך באַטייליקט אַרציבאַשעוו, באַלמאָנט, בריוסאָוו, בונין, מערעזשקאָווסקי, מי־ליוקאָוו, טעפפי, שטשעפּקינאַ־קופּערניק א'אנד, וועמענס פריינדלעכע באַציאונג צו יידן איז באַוווּסט.

דער סיפּור־המעשה פון דער דערציילונג שפּילט זיך אָפּ אין יאָר 1904 אויפן אַטלאַנטישן אָקעאַן. אויף אַ שיף געפינט זיך אַ פּאַסאַזשיר, אַן אַמעריקאַנער בירגער פון איללינאָיז העַנרי דזשעקסאָן. מיסטער דזשעקסאָן האַלט אַז טשיקאַגאָ איז גרעסער ווי ניו־יאָרק. דער ניו־יאָרקער מיסטער קאַרסאָן ענטפערט אים מיט אַ פראַגע, צי ער רעכנט אַריין אויך דעם בית־עולם.

עס קומט צו רייד וועגן דער יידן־פראַגע. בעת מיסטער קאַרסאָן האָט אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו יידן איז דזשעקסאָן אין כעס אויף יידן און באַנוצט לגבי זיי אַ לשון פון די באַקאַנטע אַנטיסעמיטישע בלעטלעך.

קאָראָלענקאָס באַגלייטער, אַ רוס, וועלכער איז אַנוועזנדיק בעת דער דיסקוסיע צווישן די צוויי אַמעריקאַנער, פרעגט דעם מיסטער דזשעקסאָן: „ד. ה. אַז איר זייט קעגן גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן? איר ווילט פאַר זיי פאַרמאַכן די גרענעצן? פאַר די, וואָס ווינען ביי אייך באַגרענצען די רעכט? צ. ב. מאַכן אַ „טשערטאַ” אויסער וועלכער ס'איז פאַרווערט אַרויסצוגיין?”

דזשעקסאָן האָט אויסגעגלאָצט די אויגן און געפרעגט: פון וואַנען נעמט איר דאָס אַלץ?

— איר האָט דאָך נישט ליב די יידן.

— אָבער איינס האָט נישט צום צווייטן. איר האָט געמאַכט אַ שלעכטן סיללאָגיזם: דער אויספיר אַנטשפּרעכט נישט דער הנחה.

— אָבער הער...

— איך האָב נישט ליב די דאָזיקע אומה, ס'איז אמת. אָבער דערפון דרינגט נישט, אַז איך פאַרלאַנג צו באַגרענצן זייערע רעכט...

אָט רופט מען אונדז צום טיש. כ'מוז אייך זאָגן, סער, אַז כ'פאַרטראָג נישט קיין גרינעם אַרבעס. ס'איז מיין פּערזענלעכער געשמאַק. דאָס הייסט אָבער נישט, רוסישע דזשענטעלמענס, בשום אופן נישט, אַז כ'האָב אַ רעכט צו פאַרלאַנגען מען זאָל נישט סערווירן צום טיש דעם גרינעם אַרבעס. אפשר האָבן אַנדערע יאָ ליב.

און בנוגע דעם איבעריקן, וואָלט איך, ווי אַן אַמעריקאַנער זיך געפילט באַליידיקט, ווען ס'זאָלן אין מיין פאָטערלאַנד זיין נישט גלייכ־באַרעכטיקטע בירגער... אַז למשל אַן איינוווינער פון קענטוקי זאָל נישט קאָנען פריי אָטעמען מיט דער לופט פון אילינאָיז. מיין גאָט, וואָס פאַר אַן אידעע!

אין אַ מצב פון אויפרעגונג האָט מיסטער דזשעקסאָן דערציילט דעם מיסטער קאַרסאָן סאַראַ אויספירן די רוסן מאַכן.

אויך קאָראָלענקאָ מאַכט זיין אויספיר אַז „גערעכטיקייט איז נייטיק ווי לופט". אויך גריגאָריעוו, דער ביאָגראַף פון קאָראָלענקאָ מאַכט אַן אויספיר, אַז דער נישט גרויסער עסיי פון קאָראָלענקאָ איז דער סאַמע קלוגסטער און ווערטפולסטער צושטייער צו דער גרויסער ליטעראַטור, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אויף צו פאַרטיידיקן די יידן קעגן רעזשים און זיין אַדמיניסטראַציע. (גריגאָריעוו ז. 88).

קאָראָלענקאָ האָט זייער ווייניק געשריבן וועגן פּראָבלעמען, וואָס האָבן נישט קיין דירעקטע שייכות צו רוסלאַנד, ווייל ער האָט געהאַט געענוג צו טון אין זיין אייגענעם לאַנד. ווי אַן אויסנאַם קאָן זיין זיין רעאַק־ציע אויף דער דרייפוס־אַפּערע. אין יאָר 1898 שרייבט ער אַן אַרטיקל, וואָס איז געוואָנדן קעגן אַנטיסעמיטיזם „די באַרימטקייט פון סוף פון יאָרהונדערט"; „הערט זיך גוט איין צו די געשרייען און אָנשטאָט אַר־

גומענטן וועט איר הערן אויסשליסלעך: דרייפוס איז אַ ייד. דאָס איז אייגנטלעך די גאַנצע אַפּערע, אַלדאָס איבעריקע איז שוין אַ פּועל־יוצא פון דעם. אָט דאָס וואָרט האָט פּאַראייניקט מענטשן פון איין עק אייראָפּע ביזן צווייטן... צי איז דען נישט קלאָר, אַז דער סם וואָס פּילט איצט אָן די אַטמאָספערע פון פראַנקרייך פאַרשפּרייט זיך אויך אויף אַנדערע לענדער און שטערט זיי פילן וואָס איז גערעכטיקייט? און אָט פּאַר וואָס דער שליסל פון אונדזערע הערצער האָט זיך געפונען אין די הענט פון באַרימטן „בריוו־שרייבער" עסטערהאַזי, אָט פּאַר וואָס צו די שטימעס פון פראַנסואַ דעראַלעד, דרימאָן און ראָשפאָר (באַקאַנטע אַנטיסעמיטן, ב. ג.) קומען צו ווי אָן עכאָ די קולות „מען דאַרף נישט אויפדעקן דעם אמת, זאָל דער „ייד" פאַרבלייבן אויף דעם טייוול־אינדזל!" (ווערק, ב. 10, ז. 404, ציטירט לויט קאַמטע ז. 241).

מיר זיינען אויך אין שטאַנד צו ציטירן אַ נישט פאַרעפנטלעכטן בריוו פון קאָראָלענקאָ צום פראַנצייזישן אַנטי־דרייפוסאַר פּראָפ. זשיל לעגראַ. דער בריוו געפינט זיך אין האַנטשריפטן־אָפּטייל פון דער מאָסקווער לענין־ביבליאָטעק און איך פאַרדאַנק זיין טעקסט דער העפלעכקייט פון מאָריס קאַמטע. אָט איז ער:

„מיין שוועסטער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז איר זייט געווען פאַרביטערט צוליב מיין אַרטיקל („די באַרימטקייט פון סוף יאָר־הונדערט"), וואָס רעדט וועגן דרייפוסן און עסטערהאַזין. וואָס קאָן מען מאַכן. אַזוי שטעלט זיך פאַר מיר, און כ'קאָן דרייסט זאָגן, פאַר דער גאַנצער ליבעראַל געשטימטער רוסישער געזעלשאַפטלעכקייט, דער דאָזיקער ענין. פון איין זייט געפינט זיך דאָ דאָס מענטשלעכע רעכט און די פאַרטיידיקונג פון אַ גערעכטיקייט אַ דאַנק אַ פרייעם און אָקטיוון וואָרט: — אַ געזאָגטן און געדרוקטן. פון דער צווייטער זייט — פעלשונגען (פון פּאַריס „באַוויזענע"), מיסטעריעזע מאָרדן, פאַרדריי פון אמת, שטרעבונג צו פאַרשטאָפּן דאָס מויל און אויפצורייצן נידעריקע ליידנשאַפטן און נאַציאָנאַלע שנאה. פון איין זייט — אַ בירגער, פון דער צווייטער — אַ גענעראַל פון שטאָב. איר וועט זאָגן, אַז מיר, אויסלענדער, זיינען נישט בכוח ריכטיק צו משפּטן אייערע ענינים. דאָס איז גאַנץ מעגלעך. אָבער ערשטנס האָט אונדז פראַנקרייך שוין פון לאַנג אויסגעלערנט צו באַטראַכטן

אירע ענינים פאַר אַלגעמיינע און צווייטנס, עס זיינען פאַראַן פיל פראַנצויזן, וואָס טראַכטן ווי מיר. און מיר זעען אַן „אַלגעמיינעם ענין" פון דער מענטשהייט, צו וועלכן עס פליסן אַלע אונדזערע סימפּאַטיעס אויף דער זייט, ווו מענטשן זיינען אויפגעטראָטן קעגן פאָראורטיילן און טריאומפירנדיקן כוח, פאַר אַן אומשולדיק פאַר־משפטן. אויף דער זעלבער זייט געפינען זיך ש. קעסטנער, זאָלאַ, לאַבאָרי, — לאַבאָרי, אויף וועמען מען האָט דערפאַר טאַקע גע־שאָסן. און אויף דער צווייטער זייט — די האַרן גענעראַלן, וואָס האָבן אויף אַ געוויסן אופן „באַזייטיקט" דעם זעלבן אַנרי, וועמען זיי קלייבן זיך איצט שטעלן אַ דענקמאַל. דער ערשטער, אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, דענקמאַל לכבוד אַ פעלשער — פאַר אַ פעלשונג!

זייט מיר מוחל פאַר באַנוצן שאַרפע ווערטער, אָבער אין תוך גענומען קאָנען פיל פראַנצייזישע ענינים נישט באַטראַכט ווערן נאָר פאַר פראַנצייזישע. איך דריק אייך שטאַרק די האַנט און ווינטש אייך אַלדאָס גוטס וול. קאָראָלענקאָ".

נאָכן ציטירן דעם בריוו וועגן פראַנצייזישע ענינים, און ווי אויף צו באַשטעטיקן קאָראָלענקאָס נייגונג צו יידן, דווקא אין אַן אַפּערע פון ייד דרייפוס, ווילן מיר זיך אומקערן צו מיסטער דזשעקסאָן. די דערמאָנטע דערציילונג איז וואָרשיינלעך געווען אינספּירירט פון זיין רייזע קיין אַמע־ריקע אין שייכות מיט דער אויסשטעלונג אין שיקאַגאָ, וווהין ער איז געפאָרן ווי אַ קאָרעספּאָנדענט פון „רוסקיע וויעדאָמאָסטי". זיין ציל איז געווען זיך צו באַקענען מיטן אַמעריקאַנער לעבנס־שטייגער.

די צאַרישע רעגירונג האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט זיין רייזע און געהאַלטן אויף אים אַן אויג. נאָכן צוריקקערן קיין רוסלאַנד האָט מען אים געהייסן קומען אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, ווו מען האָט אים געפאָרשט וועגן זיינע אויסלענדישע קאָנטאַקטן.

אויפן וועג האָט ער זיך פאַרהאַלטן אין לאָנדאָן. דאָ האָט ער זיך געטראָפן מיטן באַוווסטן יידישן פּאָליטישן עמיגראַנט קאָנסטאַנטין אַבראַ־מאָוויטש כ'ץ (1855־1920), וועלכער איז געווען טעטיק אין כאַרקאָווער פּראָפּאַגאַנדע־קרייז און זיך געפונען צווישן די באַשולדיקטע אין מאָנסטר־

פּראָצעס פון 193. ער אַנטלויפט איין מאָל, ווערט געכאַפּט און פאַרשפּאַרט אין פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג. פון דאָנען געלינגט אים ווידער צו אַנטלויפן. ער באַזעצט זיך צוערשט אין רומעניע און שפּעטער אין ענגלאַנד.

בעתן באַזוך אין אַמעריקע ווערט ביי קאַראַלענקאָ רייף דער געדאַנק פון אַ דערציילונג, וואָס באַקומט שפּעטער דעם נאָמען „אָן אַ לשון".

ער באַשרייבט אין איר די פאַרוואַנדלונג, וואָס קומט פאָר צווישן רוסישע עמיגראַנטן. ביי איינע שפּילט זיך דער צופּאַסונגס־פּראָצעס אָפּ זייער שנעל, ביי אַנדערע ווידער איז די נאָסטאַלגיע אין לשער. אין דער דערציילונג באַגעגענען מיר אויך אַ יידישע משפחה פון רוסלאַנד. זי האָט זיך איינגעלעבט אין די אָרטיקע באַדינגונגען נישט שלעכט, בפרט דער יונגער דור.

פּרייטיק אָוונט... דער רוסישער פּויער, וואָס ווינט דערוויל ביים ייד באָרק דערמאָנט זיך, ווי אַזוי די יידן האָבן אַמאָל געפּייערט דעם ערב שבת, ווען אַלץ שטעלט זיך אָפּ. די סינאַגאָגע איז פול מיט ליכט, יידן גייען פון דאַווענען, טירן זיינען אָפן, כדי די אבות זאָלן קאָנען גיין פון שטוב צו שטוב אומגעזעענע. יידן האָבן דערציילט מאַטווייען, אַז מיט אַברהם אָבינו גייען מיט מלאכים און די שדים טראָגן זיך דעמאָלט איבער די הייזער ווי ראָבן און וואָגן זיך נישט צו דערנענטערן. אַמאָל האָט מאַטוויי געלאַכט פון דער דאָזיקער גלויבונג, אָבער איצט באַדויערט ער וואָס „דער ייד, אַ פאָלק וואָס איז אַזוי פעסט אין זיין גלויבן, האָט דאָ פאַרוואָרפן זיין מנהג".

באָרק ווידער דערציילט, אַז די יידן דאָ האָבן אַ שיינע סינאַגאָגע און דער רב איז פונקט אַזוי אָנגעזעען ווי דער גלח.

קאָראָלענקאָ לאָזט דאָ דיסקוטירן די נייע רוסישע עמיגראַנטן מיט די פריערדיקע יידישע עמיגראַנטן און זייערע דאָ געבוירענע קינדער. זיי ריידן וועגן יידישקייט. עס מערקט זיך אַ גרויסע באַהאַוונטקייט מצד קאָ־ראָלענקאָ אין יידישע מנהגים, לעבנס־שטייגער און יידישער געשיכטע, וועגן וואָס עס וועט אונדז נאָך אויסקומען צו ריידן.

מאַטוויי לאָזינסקי באַקומט אַ שטעלע פון אַן אינסטרוקטאָר אין אַ יידישער קאָלאָניע אין דעבלטאָון (Dubletown). די דאָזיקע אידעע איז

דעם מחבר געוואָרן אינספּירירט פון אַ באַזוך אין אַ קאָלאָניע, וואָס די ייק״א (יידישע קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט) אין ווודביין (Woodbine) אין דעם שטאַט ניו דזשוירזי.

קאַראָלענקאָ שרייבט צו זיין מוטער, אַז ער האָט אַ געלעגנהייט צו באַזוכן אַן אמתע יידישע קאָלאָניע און ער וואָלט זיך נישט מוחל געווען, ווען ער נוצט זי נישט אויס. „עס איז פאַר מיר אומבאַדינגט נייטיק נאָך צו זען יידן״. (30. 8. 1893).

אין א בריוו צו זיין פרוי שרייבט ער: „היינט איז ראש השנה, דער יידישער ניי־יאָר, און די אַלטע האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין איינער פון די פאַבריקן, וואָס זיי האָבן פאַרוואַנדלט אין אַ שול״.

ער באַשרייבט אויך די וווינונג פון גאַסטגעבער דעם ייד מארק סאַבסאָוויטש. (שקלאָווסקי).

אין דער צייטונג „ניו־יאָרק טיימס״ געפינט זיך אויך אַן אינטערוויו וועגן דער יידן־פראַגע אין רוסלאַנד. אויף דער פראַגע, צי זיינען די יידן טאַקע אונטערדריקט אין רוסלאַנד גיט קאַראָלענקאָ פאָלגנדיקן ענטפער: „עס איז זיי (די יידן) דערלויבט צו וווינען בלויז אין באַשטימטע ערטער און איצט פאַרטרייבט מען זיי פון אומעטום, ווו זיי האָבן געלעבט אַחוץ פון דער פאַר זיי באַשטימטער טעריטאָריע. זיי האָבן נישט קיין רעכט צו קויפן ערד, צו באַקומען מלוכהשע פּאָסטנס אא״וו. איך מיין אַז אין אונדזער תקופה דאַרף מען דאָס אָנרופן אונטערדריקונג״. (לויט קאָמטע, ז. 240).

די יידישע נאַציאָנאַלע פראַגע
אין קאָראָלענקאָס אויפפאַסונג

די באַציאונג פון קאָראָלענקאָ צו דער יידן־פראַגע איז נישט געווען קיין ריין סענטימענטאַלע. זי איז אַרויסגעדרונגען קודם־כל פון זיין געפיל פאַר יושר און סאָציאַלער גערעכטיקייט. זי איז אויך געווען אַ פועל־יוצא פון זיין אינטערעס פאַר יידישער געשיכטע און יידישע מנהגים, וואָס ער האָט שטודירט מיטן ציל בעסער צו דערקענען די נאַציע, מיט וועלכער ס'איז אים אויסגעקומען צו האָבן צו טון זייער אָפט אין לויף פון זיין גאַנץ לעבן.

ביי אַ געלעגנהייט פון אַ רעצענזיע איבער אַ בוך פון פּאָלענאָוו „כריסטוס און די זינדיקע" זאָגט ער זיך אַרויס וועגן תלמוד, וואָס איז, נישט געקוקט אויף געוויסע אומצייטמעסיקע אָבערגלויבנס, אַ ווערק פון די בעסטע מוחות. (ווערק, ב. 8, ז. 303).

אַן אַנדערש מאָל שרייבט ער צו סאָלאָוויאָוון, וואָס האָט זיך צו אים געוואָנדן, ער זאָל געבן זיין חתימה אויף אַ פּראָטעסט פון שרייבערס און געלערנטע קעגן רעכטלאָזן מצב פון די יידן און קעגן די העצערייען פון דער אַנטיסעמיטישער פּרעסע. דער אויפרוף איז געווען געחתמעט צ. אַנד. דורך לעוו טאָלסטאָי, טימיריאַזעוו א"אַנד. די דעקלאַראַציע איז געוואָרן פאַרוועדט לויט דער איניציאַטיוו פון רעאַקציאָנערן היסטאָריקער אילאָווייסקי, נישט צוליב איר אינהאַלט, נאָר צוליבן עצם פאַקט, וואָס טראָגט שוין אין זאָמען אַ געפאַר. דער פּראָטעסט, שרייבט קאָראָלענקאָ, איז געוואָרן פאַרעפנטלעכט אין ווין און פאַריז, אָבער דער פאַקט גופא פון פאַרבאָט באַווייזט אַז די מאַכט האָט מורא פאַר די קעגנער פון אַנטי־סעמיטיזם. (ווערק, ב. 9, ז. 257).

אין דערמאָנטן בריוו צו סאָלאָוויאָוון לייענען מיר:

„איך האָב שטענדיק געקוקט מיט אַן עקל אויף די אומפּאַר־שעמטע העצעריי קעגן יידנטום אין אונדזער פּרעסע, אַ העצעריי, וואָס גייט פּאַראַלעל מיטן ווקס פון כלערליי שונד און מיט פאַרגעסן די בעסטע פּרינציפּן פון אונדזער ליטעראַטור... מיר זיינען אפשר מער ווי אַנדערע פאַרשטענדלעך די געפילן פון דער פינצטערער מאַסע לגבי די יידן. אויב די געשיכטע באַרעכטיקט, אָדער בעסער געזאָגט, קלערט אויף די חסרונות פון די יידן מיט לאַנגער אונטערדריקונג אוןליידן, איז ביים פאָלק אויך פאַראַן אַ געשיכטע פון ליידן און אונטערדריקונג, אין וועלכער אויך די יידן האָבן אַ חלק... איך ווייס אויך אַז אין דער געזעלשאַפט, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט פּרינ־ציפּן פון קעגנזייטיקער עקספּלואַטאַציע — איז דער ייד בעסער צו־געפּאַסט (גראָד ווייל די געשיכטע האָט אַריינגעטריבן אַלע מעכטי־קע כוחות פון פאָלק נאָר אין דער איינער ריכטונג) און ער דער־פירט די דאָזיקע פּרינציפּן צו זייער לאָגישער גרענעץ...״

ווייטער זאָגט ער, אַז אויב מען קאָן באַדויערן די פינצטערע מאַסע פאַר איר בלינדקייט — איז אָבער נישט דערלאָזבאַר צו באַרעכטיקן די ליטעראַטור, וואָס בלאָזט פונאַנדער די דאָזיקע ליידנשאַפטן און נישט די פּרעסע, וואָס פאַרגעסט, אַז די איינציקע ריכטיקע לייזונג פון קאָמפּלי־צירטע פּראָבלעמען איז אַ גערעכטע לייזונג.

קיין מענטש, לויט זיין מיינונג, דאַרף נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס ער איז געבוירן פון די און נישט אַנדערע עלטערן, קיינער דאַרף נישט ווערן באַשטראָפט פאַר זיין רעליגיע; די געטריישאַפט צו איר, כל זמן מען איז נישט איבערצייגט אין איר טעותדיקייט, איז אַ מעלה און נישט אַ חסרון. דאָס זיינען אַקסיאָמעס. זיי דאַרפן דינען ווי אַ באַזע פאַר דער לייזונג פון דער יידן־פראַגע, וואָס דאַרף בכלל נישט עקסיסטירן.

מען דאַרף קעמפן מיטן בייז גופא און נישט מיטן בגד וואָס עס טראָגט ד״ה מיט דער עקספּלואַטאַציע פון כלערליי מינים און נישט מיט זייערע רעזולטאַטן. אויב ס׳איז ריכטיק, אַז עס איז פאַראַן מער יידישע עקספּלואַטאַטאָרס ווי קריסטלעכע, וועלן די יידן ממילא מער ליידן... אָבער אין איצטיקן מאָמענט פון דעם קאַמף מיט „יידישער עקספּלואַ־

טאַציע" קוקט שוין צו שטאַרק אַרויס די רוסישע עקספּלואַטאַציע. (ווערק, ב. 10, ז. 148).

אין דעם זעלבן בריוו גיט נאָך קאָראָלענקאָ צו אַ באַמערקונג צו אַ זאַץ פון סאָלאָוויאָוס בריוו: „אַנטיסעמיטישע באַוועגונג אין דער פּרעסע, וואָס איז צו אונדז אַריבערגעקומען פון דייטשלאַנד", אַז ער קאָן נישט גענוג די געשיכטע פון דאָזיקן ענין, אָבער „צי אונדזער אייגן גוטס אַזאַ האָבן מיר ווייניק?"

דעם דאָזיקן בריוו קאָראָלענקאָס האָט אָפּגעדרוקט דער יידישער פּובליציסט פּ. ב. געץ אין דער זאַמלונג: „סלאָוואָ פּאָדסודימאָמו" (אַ וואָרט דעם באַשולדיקטן), אין וועלכער עס זיינען געווען פאַרעפנטלעכט צושטייערן פון סאָלאָוויאָוו, טשיטשערין און טאָלסטאָי. די זאַמלונג איז אָבער געוואָרן קאָנפיסקירט.

ווי ווייט קאָראָלענקאָ האָט זיך פאַרטיפט אין דער יידישער געשיכטע ווערט קלאָר פון זיינעם אַ בריוו צו אַפּטעקמאַן וועגן יידישן משיחיזם, וווּ ער שרייבט, אַז ביי די יידן האָט די אידעע פון אַ משיח געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין פאָלק. ביי די פּאָליאַקן האָט דער משיח־געדאַנק באַרירט בלויז די שפּיצן פון פאָלק, דעריבער לעבט נישט וועגן אים צו ריידן. פאַרן יידנטום אָבער פאַרן יידישן פאָלק, איז די משיח־אידעע נישט געווען קיין נעגאַטיווער פאַקטאָר, נייערט אַ שעפערישער כוח. לויט קאָראָלענ־קאָס אויפפאַסונג האָט די דאָזיקע אידעע אָפּגעראַטעוועט די יידן אין די סאַמע שווערסטע צייטן פון גלות און זיי אָפּגעהיט פון אונטערגאַנג. אַ דאַנק דעם משיחיזם, וואָס האָט איזאָלירט דאָס פאָלק פון אַנדערע, איז אויפגעהיט געוואָרן די נאַציאָנאַלע פּערסאָנאַליטעט. אָן דער אידעע, ווער ווייסט, צי די יידן וואָלטן נישט פאַרשוווּנדן פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד און דאָס וואָלט אָן ספק געווען אַ פאַרלוסט פאַר דער מענטשהייט.

ווי מיר זעען איז דער געדאַנקענגאַנג פון קאָראָלענקאָ אַ לאָגיש אויסגעהאַלטענער. זיין אופן אַרגומענטירן שטיצט זיך אויף היסטאָרישע עלעמענטן און באַזיצט אַ באַשטימטן דינאַמיזם.

האָבנדיק באַרירט דעם פּראָבלעם פון משיחיזם בין איך גענייגט צו טראַכטן, אַז אין דעם פּרט האָט זיך קאָראָלענקאָ געפונען אונטער דער

השפעה פון פוילישן דיכטער־חוזה אַדאַם מיצקעוויטש. אין איין וועגס וויל איך צוגעבן, אַז ער האָט באַהערשט די פוילישע שפּראַך און בפירוש ליב געהאַט די ווערק פון גרעסטן פוילישן דיכטער, דער עיקר דעם בוך „פּאַן טאַדעאוש", הן פאַר זיינע אַרטיסטישע ווערטן, הן פאַרן טיפן הומאַ־ניזם פון דער עפּאָפּייע. אין דער דאָזיקער שאַפונג איז נישטאָ קיין נאַ־ציאָנאַליסטישער גייסט, נייערט עס קומט צום אויסדרוק דעם דיכטערס וואַרעמע באַציאונג צו נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, איבער וואָס עס זאָגט עדות די רירנדיקע געשטאַלט פון ייד יאַנקל דער צימבאַליסט. (באַ־ראַנסקי, ז. 288).

איך האָב בכיוון באַרירט די באַציאונג פון קאָראָלענקאָ צום פּוי־לישן פאָלק און איך שטיץ מיך אויף פאָרשונגען פון אַ פּוילישן שרייבער, וועלכער האָט זיינע רעזולטאַטן פאַרעפנטלעכט אין אַן אויסגאַבע פון אינסטיטוט פון פּויליש־סאָוויעטישער פריינדשאַפט. איך טו דאָס צוליב דעם כדי צו קאָנען פאַרגלייכן און באַווייזן די אויפריכטקייט און אָביעקּ־טיווקייט פון קאָראָלענקאָ אין זיינע אָנשויאונגען און אָפּשאַצונגען.

אין המשך פון דעם דערמאָנטן אַרטיקל זאָגט באַראַנסקי, אַז אין זיינע אַרויסזאָגן וועגן דער פּוילישער ליטעראַטור אַקצענטירט קאָראָלענקאָ שטענדיק איר טיף הומאַניטאַרן אינהאַלט. פאַרן מחבר פון „די געשיכטע פון מיין מיטצייטלער", וועלכער האָט זיין גאַנץ לעבן געקעמפט מיטן שאָ־וויניזם, איז באַזונדערס געווען נאָענט די פאָדערונג פון גלייכע רעכט פאַר יידן מצד די קלאַסיקער פון דער פּוילישער ליטעראַטור. ווי אַן אילוסטראַ־ציע פון אַ באַציאונג מצד פּוילישע שרייבערס צו יידן איז געווען די שאַפונג פון עליזאַ אָזשעשקאָוואַ און די בלעטער פון „פּאַן טאַדעאוש", ווו עס ווערט גערימט דער פּאַטריאָטיזם פון פּוילישע יידן. דעריבער:

„האָבן די ידיעות וועגן וווקס פון אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן אין אָנהייב פון 20־טן י. ה. אַרויסגערופן ביי קאָראָלענקאָ אַ טיפן אומרו איבערן גורל פון דער פּוילישער קולטור. ער האָט געהאַפט אַז די אָנפירערס פון פּוילישן פּאָזיטיוויזם... וועלן פאַראורטיילן (דעם אַנטי־סעמיטיזם). ער האָט געגלייבט, אַז סענקעוויטש, וואָס האָט אָרגאַני־זירט די אַקציע קעגן די רדיפות אויף די פּאָליאַקן אין די פּרייסישע געביטן, וועט אָנווענדן זיין גאַנצן אויטאָריטעט אין קאַמף פאַר דעם

העכסטן ווערט אויף דער וועלט — פאַר דער מענטשלעכער ווערדע. וועלנדיק האָבן גענויע ידיעות וועגן די געשעענישן אין פוילן, שרייבט ער אַ בריוו צו לעאָן קאָזלאָווסקי דעם 16־טן יוני 1913 : מיך אינ־טערעסירט זייער די פראַגע : ווי אַזוי באַציט זיך סענקעוויטש צום איצטיקן באָיקאָט קעגן יידן ?... מיט צוויי יאָר צוריק האָט ער פאַר־עפנטלעכט אַ בוך, אויפן סמך פון אַנקעטעס, וועגן דער דייטשער אַגראַר־פּאָליטיק אין די פוילישע פּראָווינצן, און איך בין זייער ניי־געריק, וועלכע זיינען איצט זיינע פּרינציפּן אין דער זעלבער פּאָליטיק אָבער אינדוסטריעלער אין באַצוג צו יידן. ווי ביטער איז צו טראַכטן, אַז אפשר אויך שוויענטאָכאָווסקי און פּרוס, וועלכע זיינען אַמאָל אויפגעטראָטן מיטן יונגן סענקעוויטש אונטער אַנדערע פּענער טיילן איצט זיין פּאָליטשע בלינדקייט...״ (אַרכיוו, ציטירט לויט סלאָ־וויקאַ אָריענטאַליאַ).

קאָזלאָווסקי האָט באַשטעטיקט אַז סענקעוויטש סימפּאַטיזירט מיטן באָיקאָט און אַז שוויענטאָכאָווסקי, דער געוועזענער קעגנער פון נאַציאָ־נאַליזם, גיט איצט אַרויס אַ זשורנאַל „הומאַניסטאַ פּאָלסקי״, ווו ער פּרע־דיקט „די פּאָלאָניזירונג פון די פוילישע שטעט״, וואָס איז געווען אַ מיל־דער אויסדרוק פאַרן באָיקאָט פון יידן.

מיט אַ צייט שפּעטער בעט קאָזלאָווסקי ביי קאָראָלענקאָ אַן אַרטיקל פאַר אַ זאַמלונג, געווידמעט דער דערנענטערונג צווישן די פּאָליאַקן און רוסן... קאָראָלענקאָ האָט נישט באַוויליקט נאָכצוקומען זיין ביטע צוליב פאָלגנדיקן מאָטיוו :

„מיר וואָלט איצט שווער געווען צו שרייבן אויף פוילישע מאָטיוון. איר ווייסט ווי זיי זיינען מיר געווען נאָענט, אין אַ געוויסער מאָס אַפילו משפּחהדיק. איך האָב פּשוט ליב געהאַט דעם יונגן סענ־קעוויטש, פּרוס, שוויענטאָכאָווסקי, אָזשעשקאָ... איצט האָב איך נאָך אין מיין פאַרשטעלונג און געדאַנק נישט תופס געווען — וואָס אַזוינס קומט פאָר אין פוילן. אויפן אָרט פון מיצקעוויטשס און אָזשעשקאָס ראָמאַנטיזם אין דער פויליש־יידישער פּראַגע, האָט זיך איינגענעס־טיקט אַ ריין היהשער רעאַליזם, אין וועלכן רעאַלער אמת איז פאַראַן ווייניקער ווי אין ראָמאַנטיזם, אָבער דאָס אָרט פון פריינדשאַפט און

גערעכטיקייט האָבן פאַרכאַפּט שנאָה און ווילדע קאָנקורענץ. און פאַר דעם האָבן זיך נישט נאָר נישט צוריקגעצויגן, ניין, אין אַ געוויסער מאָס איז צו דעם צוגעשטאַנען די פירנדיקע פּוילישע אינטעליגענץ. איך ווייס, פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז נישט דאָס לעצטע וואָרט פון פאָלק... אָבער דאָס איז דער נאַרישער הערשנדיקער טאָן אין איצטיקן מאָמענט. ער פאַרשטעלט פאַר מיר אַלץ איבעריקע...
(אַרכיוו, דאָרט).

דער מחבר פון אַרטיקל באַראַנסקי גיט צו פון זיך, אַז דער פּוילישער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך ווי אַ שאַרפער מעסער אַריינגעשטאָכן אין האַרץ פון קאָראָלענקע. דערמאַנענדיק אין אַ בריוו צו א. ביעלאָקאָנסקי די שנאה צו די פּאָליאַקן אין אוקראַינע, שרייבט ער מיט פאַרביטערונג, אַז די פּאָליאַקן זיינען אויך נישט געווען בעסער, „נישט געקוקט אויף די באַגייסטערטע שורות פון מיצקעוויטשן אין „פּאַן טאַדעאוש", וואָס ריימען דעם פּאַטריאָטיזם פון די פּוילישע יידן". (דאָרט, ז. 32).

ווי מיר זעען פון די באַטראַכטונגען פון פּוילישן פאָרשער, איז פאַר קאָראָלענקע דער מעסטער פון ערלעכקייט און גערעכטיקייט געווען: די באַציאונג צו יידן. די יידן־פראַגע האָט פאַרנומען אַ צענטראַל אָרט אין קאָראָלענקאָס געדאַנקען־וועלט. אין „הויז נומער 13" שרייבט ער:

„איך האָב נישט בדעה צו שאַפן אַ פּלאַן ווי אַזוי צו לייזן די יידן־פראַגע. אָבער ווען איך זאָל זיין אַ יידישער מיליאָנער, וואָס פאַרנעמט זיך דערמיט, בין איך זיך מודה, אַז כ'וואָלט נישט בייגעשטאַנען דעם יצר־הרע פון מאַכן אַ סאָציאַלן עקספּערימענט: איך וואָלט פאַר יעדן פּרייז איבערגעפּלאַנצט, אויב נישט אַלע, איז ווייניקסטנס די מערהייט פון יידן אויף אַן אָרט, וווּ קיין פּאָגראָמען זיינען נישט פאַראַן. און ווען אַנשטאָט דעם יידישן קאַפּיטאַל וועט זיך באַווייזן אונדזער נאַציאָנאַלער און אַפילו פּאַטריאָטישער קאַפּיטאַל... ווען דער הער קרושעוואַן וועט נישט האָבן וועמען צו באַשולדיקן מיט זיינע שוידערלעכע מעשיות וועגן ריטועלע מאָרדן און ווען די וווכערניקעס און אויפקויפערס וועלן זיך אַרומדרייען אין נישט יידישע בגדים, דעמאָלט ערשט וועט אַלץ ווערן קלאָר"...

אַזוי אַרום שווימט ביי קאָראָלענקאָ אַרויף דער געדאַנק וועגן אַ

טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע פון יידן, ווי אַן ענטפער אויף די פּאָג־ראָמען די אידעע איז נישט קיין צופעליקע. נאָך פּאַרן קישינעווער פּאָגראָם, אין יאָר 1901 שרייבט קאָראָלענקאָ אַ בריוו וואָס געפינט זיך אין אַרכיוו צו אַ געוויסן ג. אי. גאַרדאָן. אין דאָזיקן בריוו האַלט ער דעם ציוניזם פאַר אַ חלום, אָבער אָן ספק אַן איבערצייגנדיקן. מען קאָן נישט נישט מסכים זיין מיט די באַמיאונגען פון א געטרודפט פאָלק, וואָס וויל אַ היים פאַר זיך אין אַ לאַנד, צו וועלכן עס וועגדן זיך זייערע געפילן און זכרונות. דער פּראָבלעם באַשטייט אָבער אין אַ פּראַקטישער רעאַלי־זירונג און וועגן דעם האָט נאָך קאָראָלענקאָ נישט קיין קלאָרע מיינונג. ער מיינט, אַז קודם־כל דאַרף מען קויפן דעם באָדן; ווייטער מוז, לויט אים, זיך אויסקריסטאַליזירן אויף אַ ראַציאָנאַלען אופן די פאָרעם פון אַ רעגירונג וואָס וועט שפּעטער דאַרפן זי אָנפילן מיט אַן אינהאַלט, ווי אַראָפּברענגען קאָלאָניסטן און באַזעצן זיי אין הסכם מיט אויסגעאַר־בעטע, סאָציאַלע כללים, (לויט קאָמטע 249־250).

עס איז אויך נישט קיין צופאַל וואָס אין זשורנאַל, אין שפּיץ פון וועלכן עס שטייט קאָראָלענקאָ געפינען זיך אַרטיקלען וועגן ציוניזם און וואָס זיין נאָענטער מיטאַרבעטער גאַרנפעלד שרייבט אַ נעקראָלאָג נאָכן טויט פון טעאָדאָר הערצל. קאָראָלענקאָ אַליין רופט זיך אָפּ אין „יושניע זאַפּיסקי" מיט אַן אַרטיקל וועגן אים. מיר קאָנען דאָרט לייענען צ. אַנד.: „נישט געקוקט אויפן פינצטערן און טרויעריקן גורל פון דער יידישערווירקלעכקייט, האָט ער אויסגעמאָלן מיט אַלע פאַרבן פון רעגנ־בויגן אַ ווייטן האָריזאָנט פון אַן אומאָפּהענגיקער עקסיסטענץ און אָנגע־וויזן זיין מאַרטירער־פאָלק אַ ריין געאָגראַפישן אויסוועג, האָט באַלויכטן די פאַראַנענע באַציאונגען דורך אַן אידיי פון אַ פאָלק".

אין די לעצטע יאָרן פון הערצלס לעבן זיינען פאָרגעקומען הילוקי־דעות אין ציוניסטישן לאַגער גופא. קאָראָלענקאָ האָט נאָכגעפאָלגט די דיסקוסיעס צווישן די טעריטאָריאַליסטן און די, פאַר וועלכע ארץ־ישראל אַליין איז געווען דער ענדציל. ער ענטפערט אין יאָר 1914 אויף אַ בריוו פון א. ג. פּרעס, וועלכער איז געווען דער מחבר פון אַן אַרטיקל וועגן קאָראָלענקאָ אין דער „יעווריייסקאַיאַ ענציקלאָפּעריאַ". אין דאָזיקן בריוו קומט צום אויסדרוק זיין געפיל פאַר יושר, וואָס איז געווען די טרייב־קראַפט אין זיין קאַמף לטובת די יידן און אַט דאָס געפיל דיקטירט אים אַ וואָרענונג צו די יידן:

„אויב צ. ב. אין ארץ־ישראל זאָל קומען צו דער מאַכט אַ טרײ־ אומפירנדיקער ײדישער נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ז ם, גאַראַנטיר איך בכלל נישט אַז ער װעט זײן מער סימפּאַטיש פון יעדן אַנדערן, און ס'איז אַ ספק צי אין ענלעכע אומשטענדן װעט דער ײדישער אונ־ טערדריקער זײן גערנער געזען װי אַנדערע נאַציאָנאַליסטישע אונ־ טערדריקערס" (לויט קאָמטע ז. 250).

פון דעם ערשט װאָס געזאָגטן דרינגט קלאָר אַרויס די קאָנסעקװענ־ קײט פון קאָראָלענקאָס עטישע און הומאַניטאַרע פּרינציפּן. לויט אים באַ־ רימט זיך נישט אַ מענטש מיט אַ געזונטן נאַציאָנאַלן חוש אויפן חשבון פון מענטשן פון אַן אַנדער פאָלק. בלויז מענטשן קראַנקע ריידן װעגן זײער געזונדהײט, בלויז אַװאַנטוריסטן גיבן זיך אָן פאַר מענער מיט אַן ערנגע־ פיל און בלויז „ע כ ט ר ו ס י ש ע" פּאַטריאָטן שטאָלצירן מיט זײער נאַציאָנאַליזם. דער ממשותדיקער אינהאַלט פון אַזאַ נאַציאָנאַליזם באַשטײט אין פאַרלײקענען אַנדערע נאַציעס, אין לאָזונג „טויט די ײדן". (אַלע װערק ב. 6, ז. 289)

קאָראָלענקאָס הומאַניטאַריזם האָט אים אָפּגעהיט פון סענטימענ־ טאַלער ײדן־פרײנדשאַפט און פון קינסטלעכע און פאַלשע ליבע־דערקלע־ רונגען צום ײדנטום, נײערט ער האָט אין דער באַציאונג צו ײדן געפונען אַ תיקון פאַר זײן באַדערפעניש צו העלפן דעם שװאַכן און פאַר זײן טעמ־ פעראַמענט פון אַ ריטער פון גערעכטיקײט.

די לעצטע יאָרן פון קאָראָלענקאָ

קאָראָלענקאָ האָט געוווינט אין פּאָלטאַווע. דאָ האָט ער איבערגע־לעבט די צייט, ווען נאָך דער רעוואָלוציע איז די מאַכט אריבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. זיינע פריינד און פאַרערער פון ליטעראַטן־פאָנד האָבן אים געשיקט געלט, וועלנדיק אים העלפן מאַטעריעל. קאָראָלענקאָ האָט געענטפערט, אַז ער איז פאַרזאָרגט מיט אַלץ און בעט מען זאָל האָבן אין זין אַנדערע, וואָס נייטיקן זיך מער ווי ער.

פון זיין בריוו צו גאָרנפעלדן דערוויסן מיר זיך, ווי אַזוי ער האָט געזען די פּאָליטישע סיטואַציע אין יענער צייט, אין מערץ 1920.

„און מיר לעבן דאָ איבער איין בייט פון דער מאַכט נאָך דעם אַנדערן. פאַראַיאָרן האָבן אונדז פאַרנומען די דעניקינצעס. און זיי האָבן געמאַכט אַן „אָרדענונג". אַריינמאַרשירנדיק קיין פּאָלטאַווע האָבן זיי דריי מעת־לעת געראַבעוועט ביי די יידן און אַוועקגייענדיק פון אונדזער געגנט האָבן זיי געמאַכט אַזאַ חורבן, וואָס אַן ענלעכער איז נאָך נישט געהערט געוואָרן אין אונדזערע אַנטיסעמיטישע לענ־דער. זיי האָבן געשאָסן אָן אַ געריכט און געמאַכט אַנדערע חזירייען".

קאָראָלענקאָ שרייבט ווייטער, אַז ער האָט וועגן דעם פאַרעפנט־לעכט זעקס קאָרעספּאָנדענצן אין א יעקאַטערינאָדאַרער צייטונג און צוליב דעם געהאַט אויסצושטיין צרות מצד דעם נאַטשאַלניק פון „קעגן־שפּיאָנאַזש", אַן אַמאָליקן זשאַנדאַר. קאָראָלענקאָ גיט באַלד צו, אַז די צייטונגען האָבן עקסיסטירט און מען האָט געקאָנט שרייבן גאַנץ פריי.

„מען זאָגט, שרייבט ער ווייטער, אַז דעניקין איז נישט קיין

שלעכטער מענטש און אפילו נישט קיין רעאקציאנער, ער האט אבער צו טון מיט אוטאפיסטן פון דער סאמע פינצטערסטער רעאק־ציע.

די דאזיקע אוטאפיע שטעלט זיך אנטקעגן דער קאמוניסטישער אוטאפיע און דאס לעבן פון גאנצן לאנד איז פאראליזירט. מיר ווארטן אויף פרילינג און אויף א נייער ענדערונג. מעןווארט אויף די פאליאקן און אויף פעטליורען...

דער עיקר אבער — דאס זיינען די פאווסטאנצעס — באנדיטן, וואס העלפן אלעמען, וואס קומען פארכאפן די מאכט, כדי בינו לבינו צו קאנען ראבעווען. (צו גארנפעלדן, 30. 3. 20).

אין דעם אויביקן בריוו, וואס איז געווען געשריבן אין א צייט פון אזעלכע היסטארישע געשעענישן, בעת עס האט זיך געגאסן בלוט און גרויזאמקייט איז געווען א טאג־טעגלעכע דערשיינונג, אין אט דער צייט האט קאראלענקא אין זינען געהאט די יידן און אין זיי קודם כל געזען די גערודפטע, די קרבנות.

עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואס אן אנדערער שרייבער, א ייד און א סאציאליסט ש. ז. ראפאפארט, באקאנט אונטערן נאמען ש. אנ־סקי, מחבר פון „דיבוק", בעת זיין אויפנטהאלט אין פאריז סעקרעטאר פון רוסישן רעוואלוציאנער פ. לאווראוו, האט אין זיין טעסטאמענט גע־טראכט וועגן קאראלענקא און געבעטן מען זאל אים איבערגעבן דעם פארטרעט פון לאווראוון פאר דעם קומענדיקן מוזיי פון דער רעוואלוציע.

אנ־סקי איז געשטארבן אין יאר 1920. נישט לאנג האט אים איבער־געלעבט קאראלענקא וועלכער איז אוועק פון דער וועלט אין דעצעמ־בער 1921.

די ידיעה וועגן זיין טויט האט ארויסגערופן טרויער אין דער יידי־שער געזעלשאפטלעכקייט, וואס איז געווען געווינט זייט יארן צו זען אין אים א געטרייען פריינד און מוטיקן פארטיידיקער.

אין זיינע זכרונות שרייבט דובנאוו:

„עס איז געשטאָרבן אין פּאָלטאַווע וו. ג. קאָראָלענקאָ. עס איז פאַרשווונדן די פּערסאָניפיקאַציע פון געוויסן פון רוסישן פאָלק, אַ ליכטיקער אידעאַליסט, פון תמיד נאָענט צו מיין האַרצן. איך געדענק אונדזער צופעליקע באַגעגעניש אין יאָר 1912 אין דער היסטאָריש עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט...

וואָס האָט געטראַכט דער דאָזיקער אידעאַליסט פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט במשך פון פיר יאָר איבערגעלעבט די שענדונג פון רעוואָלוציאָנערן אידעאַל, אַ רעוואָלוציע אָן עטיק, אָן געוויסן, אָן שכל, אַ ווילדע, אַ סטיכישע..." (דובנאָוו, ב. 2, ז. 356).
ער האָט אַוודאי געטראַכט דאָס וואָס שטענדיק, אַז „גערעכטיקייט איז נייטיק ווי לופט".

מיר ווילן פאַרענדיקן מיט אַ געשיכטע, וואָס קלינגט אַנעקדאָטיש אין וועלכער עס קומט צום אויסדרוק די באַציאונג פון איינפאַכן יידישן מענטשן צום שרייבער פאַר וועלכן „די יידן זיין מיין שוואַכער פּונקט". (בריוו צו דער מוטער פון 1־טן סעפּטעמבער 1893):

אַ פּאָלטאַווער ייד קומט מיט זיין עלף־יאָריקן זון צו קאָראָלענקאָ. ווען זיי האָבן זיך שוין געהאַט באַגריסט רופט זיך דער פאָטער אָן צום זון:

— אָט, דאָס איז וולאַדימיר גאַלאַקטיאָנאָוויטש!

דערנאָך קלערט ער אויף:

— איך האָב פּאַריקס יאָר צוגעזאָגט מיין זון אַז אויב ער וועט זיך גוט לערנען און זיך לייטיש אויפפירן, וועל איך אים וויזן דעם בעסטן מענטש אין רוסלאַנד. ער האָט זיך פלייסיק געלערנט, מיין זון, אַ גאַנץ יאָר און אויך מוסטערהאַפט זיך אויפגעפירט. האָב איך געהאַלטן וואָרט און אים געבראַכט צו פירן צו אייך. (לויט קאָמטע ז. 277).

ביבליאָגראַפיע

ווערק פון וו. קאָראָלענקאָ

סאָבראַניע סאָטשיניעני וו 10־י טאָמאַך. — מאָסקווע, 1954־56. (ווערק)
פאָלנאָיע סאָבראַניע סאָטשיניעני. פעטראָגראַד, 1914. (אַלע ווערק)
דאָם נר. 13 — דרוקעריי פון בונד, 1903. לאָנדאָן.
יעשטשע אָדנאָ ריטואַלנאָיאָ סקאַזקאָ. — אין „רוסקיע וויעדאָמאָסטי״, נר. 32, 1913, סט. פעטערסבורג.
ק׳וואָפּראָסו אָ ריטואַלניך אוביסטוואַך. — אין „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ״ 12, 1911 סט. פעטערסבורג.
זאַפּיסקיע קניזשקי (1880־1900). — מאָסקווע, 1935.

אויף העברעאיש

מיני קדם. — וואַרשע, 1899.

קאָרעספּאָנדענץ

וו. ג. קאָראָלענקאָ ק. אי. פּ. ביעלאָקאָנסקאָמו (1921־1883)
וו. ג. קאָראָלענקאָ ק א. ג. גארנפעלדו. — לענינגראַד, 1924.
גאָרקי אי קאָראָלענקאָ, סבאָרניק מאַטעריאַלאָוו. — מאָסקווע, 1957.
פּיסמאָ 1888־1921. — פּעטערבורג, 1922. (בריוו)

וועגן קאָראָלענקאָ

אין רוסיש:

יעווריעיסקיע סילועטי. — סט. פעטערסבורג, 1900.
קישינעוו, רעדאַקטאָר מ. סוקיענניקאָוו. — בערלין 1903.

פּאָסלעדניאַ איזוועסטיאַ (אָרגאַן פון בונד) נר. 121 און ווייטער. — 1903
מ. לוואָוויטש: קאָנטררעוואָלוציאַ אי יעווריעי אין „רוסקאָיע באָגאַט־סטוואָ", 12, 1911.
יעווריעסקאַיאַ נעדיעליאַ, נר. 37, מאָסקווע, 1916.
נ. ברילליאָנטאָוואַ־סאָסאָקאָלסקאַיאַ: וו. ג. קאָראָלענקאָ אי רוסקאָיע יעווריעיסטוואָ אין סבאָרניק סטאַטיעי פּאָד רעדאַקציעי א. ב. פּעטרישטשעוואַ. — סט. פּעטערסבורג, 1922.
„זאַדרוגאַ" פּאַמיאַטי וו. ג. קאָראָלענקאָ. — מאָסקווע, 1922.
ד. נ. אָווסיאַניקאָ־קוליקאָווסקי: וו. ג. קאָראָלענקאָ אין „סאָבראַניע סאָטשיניעני, באַנד 5, מאָסקווע, 1923". (קוליקאָווסקי).
נ. א. סאָוווין: וו. ג. קאָראָלענקאָ קאַק דעטסקי פּיסאַטעל. אין „פּאַמיאַטי וו. ג. קאָראָלענקאָ" ניזשני נאָווגאָראָד, 1923.
ר. גריגאָריעוו: וו. ג. קאָראָלענקאָ. — מאָסקווע, 1925 (גריגאָריעוו)
א. גאָרנפעלד: „פּאָסמיערטנאַיאַ פּאָוויעסט" קאָראָלענקאָ אין „יעווריעיסקי וויעסטניק", לעני נגראַד, 1928.
ט. ל. שטשעפּקינאַ־קופּערניק: דני מאָיעי זשיזני — מאָסקווע, 1928. (קופּערניק).
ס. דובנאָוו: קניגאַ זשיזני. — ריגאַ, 1934. (דובנאָוו)
א. א. גרוזענבערג: וטשעראַ. פּאַריז, 1938. (וטשעראַ)
א. א. גרוזענבערג: אָטשערקי אי רעטשי. — ניו־יאָרק, 1944 (אָטשערקי).
ג. אַ. ביאַלי: וו. ג. קאָראָלענקאָ. — מאָסקווע, 1949 (ביאַלי)
ג. מיראָנאָוו: קאָראָלענקאָ. — מאָסקווע, 1952.
א. דערמאַן: וואָספּאָמינאַניאַ אָ וו. ג. קאָראָלענקאָ. אין „נאָווי מיר" 7, מאָסקווע, 1958 (דערמאַן)
ב. ד. לעטאָוו: קאָראָלענקאָ — רעדאַקטאָר. — לעני נגראַד, 1961.
ק. אי. טשוקאָווסקי: סאָוורעמיעננ יקי. — מאָסקווע, 1962.
ל. ל. קריווינסקאַיאַ: איז וואָספּאָמינאַני אָ וו. ג. קאָראָלענקאָ, אין וו. ג. קאָראָלענקאָ וו וואָספּאָמינאַניאַך סאָוורעמיעננ יקאָוו. — מאָסקווע, 1962.
א. י. דאָנסקאָי: וו. ג. קאָראָלענקאָ. — כאַרקאָוו, 1963. (דאָנסקאָי)
ס. וו. קאָראָלענקאָ: קניגאַ אָב אָטצע. — איזשעווסק, 1968. (קניגאַ אָב אָטצע)
גלעב סטרווע: דניעווניק טשיטאַטעליאַ. אין „רוסקאַיאַ מיסל", פּאַריז, 2 יולי, 1970.

אין עברית:

ה. ויסאדלר: הפוגרום בקישינוב. אין „על אדמת ביסרביה״ ג׳. תל־אביב. (ווייסאדלער)

יהודה סלוצקי: דעת הקהל הרוסית על פרעות קישינוב. — דאָרט (סלוצקי)

אין יידיש:

קישינעווער הריגה. מאַטעריאַלן און דאָקומענטן. — לאָנדאָן, רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי (בונד), 1903. (הריגה)

י. שקלאָווסקי: וולאַדימיר קאָראָלענקאָ ביי די רוסישע יידן אין אַמע־ריקע. אין „צוקונפט״, אָקטאָבער, 1932, ניו־יאָרק.

א. א. גרוזענבורג: אַ שאַנדע. אין „פּאַריזער היינט״, 5 און 7 מערץ, 1935.

נח גריס: פּאַריזער קולטור־כראָניק אַמאָל. — אין „צוקונפט״, יולי־אויגוסט, 1968.

י. לודען: ש. אַנ־סקי. אין „לעצטע נייעס״, תל־אביב, 11 דעצעמבער 1970.

אין פראַנצייזיש:

מאָריס קאַמטע: וו. ג. קאָראָלענקאָ ע לאַ קעסטיאָן זשוויוו אָן ריסי. — אין „קאַיע די מאָנד ריס ע סאָוויעטיק״, באַנד 10, 1969.

ליהימאַניטע. — קאָטידיען, פּאַריז, 1913.

אינהאַלט

	זייט
אַריינפיר	9
קאָראָלענקאָס קאָנטאַקט מיט יידן	14
דער קישינעווער פּאָגראָם	22
קאָראָלענקאָס אינטערווענץ אין פּאָלטאַווע	32
דער פּראָצעס פון מענדל בייליס	35
דער „פּאַרראַט" אין מאַריאַמפּאָל	50
יידישע טעמעס אין קאָראָלענקאָס שאַפונג	53
די יידישע נאַציאָנאַלע פראַגע אין קאָראָלענקאָס אויפפאַסונג	66
די לעצטע יאָרן פון קאָראָלענקאָ	74
ביבליאָגראַפיע	77

NOÉ GRUSS

LES JUIFS DANS LA VIE ET DANS LES ŒUVRES DE KOROLENKO

PARIS 1975